STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00284

GEKLIBENE LIDER

Yosef Papyernikov

Permanent preservation of this book was made possible by
Marvin Dunn, M.D.

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע לידער

י. פּאַפּיערניקאָוו

געקליבענע לידער

פון היים, בונט, קריג און חורבן

איקוף פארלאג

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן דורכן איקוף מיט דער הילף פונעם י. פּאַפּיערניקאָוו־קאָמיטעט אין תל־אביב, אין וועלכן עס גייען אַריין:

בן־חיים, ח. בראַנדעס, חנה דיאמאנט, א. יאבלאנקא, זרובבל, דניאל לייבעל, יצחק לעוו, גיטל מייזיל, י. פּערלמאַן, י. צאַנין, י. פאַלק, ד״ר י. רובין, מ. ראָטבאָרד, זלמן רובאַ־שאָוו, י. שאפיר, דוב שטאָק.

געדרוקט אין 2,000 עקזעמפּליאַרן.

J. PAPIERNIKOV -- SELECTED POEMS, Published by Yiddisher Kultur Farband (YKUF), 189 Second Avenue, New York 3, N. Y. Printed in U.S.A. 400

מען זוכט פאַר מיר אַ תכלית *)

(אַנשטאָט אַ הקדמה)

נאָך דעם, ווי כ'האָב צוליב נישט קענען צאָלן דעם שכר־לימוד, אױ־בערגעריסן ביים צווייטן קלאַס, מיט מייזלערס רעאַל־גימנאַזיע, בין איך ווי אין די חדר־יאָרן „בין־הזמנים" — געבליבן אינדערהיים, אַרומגע־שלעפּט זיך איבער די וואַרשעווער גאַסן און איבער די הינטערשטאָטישע פעלדער און באַן־סטאַנציעס; אָנגעהויבן פונדערנאָענט באַטראַכטן און באַ־וואונדערן גאָטס וועלט, וואָס איז פאַר מיר די גאַנצע צייט געלעגן ווי אומ־באַקאַנט, הינטערן רוקן פון מיין געסל, די ניזקע, וואָס גערופן האָט מען עס „דאָס טויטע געסל".

מיין פּוסט און פּאַסטעווען אַלס פופצן־יעריק יינגל שוין, — האָט אָנ־געהויבן באַזאָרגן און באַלאַסטן טאַטע־מאַמען מיט אַ נייעם ליידיק־גייער און אומזיסטן פרעסער . . . זיי האָבן עס מיר, וואָס אַן אמת, נישט געזאָגט נאָך, און נישט געגעבן מיר אַפילו אָנצוהערן דערויף, מחמת, דאָס אויפ־הערן לערנען זיך, איז פאָרט נישט געווען מיין שולד. פונדעסטוועגן, האָב איך די איבעריקייט מיינע אָנגעהויבן אַרויספילן איבערהויפּט טאָקע בעתן עסן, ווען ביים טיש זענען געזעסן נאָך איין יינגערער און פיר עלטערע ליידיקגייער און אומזיסטע פּיקער — די ברידער מיינע, צו וועלכע איך רעכן נישט צו די איינציקע שוועסטער מיינע, די עלטסטע פון אַלע זעקס קינדער, וואָס האָט שוין ווי עס איז צוגעהאָלפן דער מאַמען אין שטוב, און פאַרדינט זיך דאָס עסן.

נאָך לאַנג פּוסט און פּאַסטעווען, האָט די מאַמע מיינע ווי אַלע מאָל די ערשטע — אַ פרעג געטאָן וועגן מיר דעם טאַטן: וואָס וועט זיין? ווי לאַנג וועט ער זיך אַזוי אַרומדרייען מיט גאָרנישט? געפרעגט האָט זי עס נישט חלילה צוליב זיין איר גרויס אין די אויגן, נאָר כדי צו דערמאָ־נען דעם טאַטן, אַז ער איז אַ טאַטע, און אַז נאָר אַ טאַטע און נישט קיין מאַמע — דאַרף זאָרגן פאַר אַ קינד, און זען פאַר אים אַ תכלית.

נאָך אַ סך מאָל דערמאָנען דעם טאַטן, דערמאָנען מיט גוטן און מיט בייזן — האָט די מאַמע געפּועלט ביים טאַטן, אַז ער זאָל אַ טראַכט־טאָן

---

*) פון אַן אויטאָביאָגראַפיע.

וועגן מיר, און דער טאַטע האָט זיך סוף־כל־סוף אָן עצה־געהאַלטן מיט קרובים און פריינט, און אַלע אינאיינעם האָבן אויסגעפונען אַז פאַר אַ בעל־מלאכה וועל איך נישט טויגן, ווייל כ'בין אַ „צו אידל יינגל", וועלכן מען דאַרף זען „אַריינדרייען" אין עפּעס אַ לייטיש געשעפט . . .

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש, אַ נאָכפרעגן זיך ביי דעם, ביי יע־נעם, ביז כ'בין ענדלעך אין אַ מזלדיקער שעה, געוואָרן דערווייל אַ שיק־יינגל, אין אַ געשעפט פון מיליטערישע הצטרכותן . . .

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז נאָך אין די חדר־יאָרן, בעת כ'האָב אין אַ פרייען טאָג זיך אַרויסגעלאָזט איבער די וואַרשעווער גאַסן, איז מיין באַליבטסטע גאַס געווען די מיאָדאָווא, וואָס יידן האָבן זי גערופן: מעד־גאַס. מעגלעך, אַז ליב געהאַט די דאָזיקע גאַס האָב איך טאַקע דערפאַר, ווייל אין איר האָט זיך געפונען דאָס דאָזיקע געשעפט פון מיליטערישע זאַכן, וואָס האָבן גערייצט מיין קינדישער פאַנטאַזיע. ווי יעדעס יונגע יינגל, וואָס חלומט וועגן שטאַרק־זיין, און העלדיש, און טראָגט באַוואונ־דערונג און דרך־ארץ צו דעם וואָס טראָגט אַ מיליטערישן מונדיר — פלעג איך לאַנג, לאַנג אָפּשטיין פאַרן שוי־פענצטער פונעם מיליטערישן געשעפט, און זיך שפּיגלען אין די צוויי בלאַנקע שווערדן, וואָס האָבן ווי אין אַ געפעכט, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער גרויסער שויב, אויף וועלכער ס'זענען געווען צעהאַנגען זילבערנע און גאָלדענע מעדאַלן און פאַרביק־עמאַלירטע אָפּצייכענונגען אין דער פאָרם פון צלמלעך. שטאַרק געפעלן איז מיר אויך דער מאַנעקען, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גענעראַלסקן מונדיר מיט געפרענזלטע עפּאָלעטן, ווי מיט צוויי באַרשטן, און מיט אַ שטאָלענעם העלם, ווי אַ קאַסקע פון אַ פייער־לעשער אָן אַ קאָפּ . . . צו־ליב די און נאָך אַזעלכע „וואונדערלעכע" און „אינטערעסאַנטע" זאַכן, האָב איך שטאַרק מקנא געווען דאָס יינגל, וועלכן כ'האָב שטענדיק געזען קערן דאָס געשעפט, ווישן די שויבן אָדער איבערפּוצן מיט קרייד די מע־דאַלן . . .

אַז איך בין אָנגעקומען אין דאָזיקן געשעפט אַריין, האָב איך געטאָן די זעלבע אַרבעט, וואָס עס האָט געטאָן אַמאָל יענער יינגל און — געווען דערפון זייער צופרידן. פון גיין „אַ גאַנג", בין איך אָבער געווען צו־פרידענער: ערשטנס, ווייל כ'האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך דורכצו־גיין אַביסל, און זען אויפן וועג נאָך אַ סך געשעפטן מיט גרויסע שוי־פענצטער פול מיט שיינע זאַכן; צווייטנס, איז אַזאַ גאַנג געווען פאַר מיר אַ גרויס כבוד, ווייל געשיקט האָט מען מיך על־פּי־רוב אין אַזעלכע ער־טער, וואו נישט יעדער פּשוטער ציווילער מענטש, בפרט אַ ייד — האָט געקענט אין זיי אַריינקומען; דריטנס, פלעג איך פאַר אַזאַ טרחה קריגן

„נאַ פּיוואַ", און פאַר דעם געלט גיין אין קינאָ, אָדער עסן „ביים טערק" זיס געבעקס . . .

באַשטאַנען איז אַ גאַנג אַזאַ, אין אָפּטראָגן עפּעס אַ חפץ צו אַ רוסישן אָפיציר אָדער פּולקאָווניק, און אַפילו צו אַ גענעראַל. צום בעסטן האָב איך מיך געפילט, געדענק איך, ווען מען האָט מיר געגעבן אָפּצוטראָגן אַ שווערד, פאַר וועלכער כ'האָב געהאַט אַ באַזונדערן יראת־הכבוד, און כ'פלעג זי אַ געוויקלטע אין פּאַפּיר דורכטראָגן דורך דער גאַס, ווי אַ פרומער ייד טראָגט אַ לולב . . .

איינמאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען אָפּצוטראָגן אַ שווערד אין סאַמאראָדנעם אַלטן שלאָס ביי דער ווייסל — איז מיט מיר געשען אַזאַ קאָמישע געשיכטע:

בעת כ'בין אַריין אין די הייף פונעם שלאָס, און אָנגעהויבן בלאָנדזשען איבער טרעפּ, קאָרידאָרן און טירן, — האָב איך אויפמאַכנדיק אַ טיר, דערזען זיך אין אַ ריזיקן זאַל, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט שווערע זשיראַנדאָלן און מיט בילדער, וואָס האָבן מיט דייער גרייס באַדעקט די ווענט, פונעם סופיט ביז צום דיל. געווען זענען עס מלחמה־בילדער, און בילדער פון פירשטן, קניאַזן, ריטער און קריגס־העלדן רייטנדיק אויף פערד. כ'געדענק נישט צי פון גרויס איבעראַשונג, וואָס איך האָב אויף איינמאָל דערזען אַזוי פיל בילדער, צי פון שרעק, וואָס איך האָב זיך פלוצלונג דערזען איינער אַליין אין אַזאַ גרויסן זאַל — האָב איך זיך מיט דער שווערד אין האַנט געטאָן אַ גליטש אויס אויף די גלאַנציקע פאַרקעטן, און איידער כ'האָב נאָך באַוויזן אויפצוהייבן זיך, האָבן זיך ווי פונעם קלינגענדיקן זעץ מיט מיין שווערד אָן דיל — געעפנט עטלעכע זייטיקע טירן, און אַ פאַר דערשטוינטע פנימער פון מיליטעריש־מונדירטע, האָבן נאָך געטראָפן מיך ליגן לעבן דער מיטלסטער וואַנט, ווי אונטער די געקאָוועטע פיס פון אַ געמאָלט פערד, וואָס איז געשטאַנען דיבאָם אויף די צווייע אונטערשטע פיס, און געוואָלט פון זיך אַראָפּניזקן אַ מיליטערישן רייטער מיט שוואַרצע גראָבע וואָנסעס, אויף אַן אָנגעצויגן ביין פנים . . .

ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, שוין אין דער אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען מיר איז אין אַ זונטיק אויסגעקומען צו באַזוכן דעם זעלבן שלאָס, — האָב איך אַריינקומענדיק אין זעלבן זאַל, זיך דערמאָנט אָנעם דאָזיקן עפּיזאָד, און ערשט דערוואוסט זיך, אַז כ'בין פאַלנדיק געלעגן דאַן פאַר די פיס פון אַ צעבריקעט פערד פון מאַטעיקאָס אַ בילד . . .

נישט לאַנג נאָך דער געשיכטע מיט מיין פאַלן מיט דער שווערד אין האַנט, זענען צוליבן טויט פון אַ פּולקאָווניק געפאַלן אַלע מיינע האָפענונגען צו מאַכן אַ מיליטערישע קאַריערע . . .

די מעשה דערפון איז געווען אזא:

בעת דעם פולקאָוויקס לוויה וואָס איז מיט מיליטערישן פּאַראַד געגאַנגען דורך דער זעלבער גאַס, און פאַרביי דעם געשעפט וואו איך בין געווען אָנגעשטעלט, האָב איך מיך ווי אַ מחותן מיט מלכות — אַרויסגעשטעלט אינדרויסן פאַר דער טיר, כדי צו זען און דער עיקר: צו הערן דעם מיליטערישן אָרקעסטער, וואָס האָט גראָד געהאַלטן אין שפּילן שאָפּענס טרויער־מאַרש. כדי צו הערן אים ביז צום סוף, האָב איך געמאַכט עטלעכע טריט פון דער טיר, און בין דורכגעגאַנגען אַזוי די גאַנצע מעדגאַס. דער אָרקעסטער האָט אָבער נישט אויפגעהערט, געשפּילט איין טרויער־מאַרש נאָכן אַנדערן, און איך האָב געהאַלטן אין איין צוגעבן נאָך אַ טראָט און נאָך אַ שפּאַן און אומבאַמערקט — געלאָזט אַזוי אַ גאַס נאָך אַ גאַס הינטער זיך. ווען כ׳האָב זיך געכאַפּט, אַז איך דאַרף שוין גיין צוריק — האָב איך זיך געפונען אויפן פּראַוואָסלאַווענעם בית־הקברות — דריי קילאָמעטער ווייט פון געשעפט . . .

אַז די מאַמע מיינע איז אויף צומאָרגנס אַוועק צו מיין „פּרינציפּאַל״ געוואָר־ווערן הלמאי ער האָט מיך געהייסן גיין אַהיים, האָט ער איר געעצהט, מען זאָל מיך זען צו מאַכן פאַר אַ מוזיקאַנט . . .

טאַטע־מאַמע האָבן מיך פאַר אַ מוזיקאַנט נישט געמאַכט, און געפונען פאַר מיר אַ צווייטן פּאָסטן אין אַ געשעפט פון שפּיל־צייג. אין אַנהייב איז מיר אַפילו געפעלן מיין נייער פּאָסטן: ס׳האָבן מיך געוויילט די כלערליי המצאותן, וואָס זענען געלעגן אין די שפּילצייג, וועלכע כ׳האָב קינדווייז זיכער נישט געהאַט, און ס׳איז נאָך געווען דערביי אַ געלעגנהייט סתם זיך צו באַקענען מיטן גרויסן און רייכן רעקוויזיט פון דער קינדערוועלט. צוליב דעם אָבער, וואָס קיין סך צו טאָן האָב איך אין געשעפט נישט געהאַט, — איז מיר דער צווייטער פּאָסטן זייער גיך נמאס־געוואָרן און כ׳האָב אָנגעהויבן צושטיין צום טאַטן, ער זאָל געפינען פאַר מיר עפּעס ערנסטערס ווי שפּילן זיך מיט שפּיל־צייג און — כ׳בין סוף־כל־סוף ווידער געבליבן אָן אַ פּאָסטן.

טאַטע־מאַמע האָבן אָבער נישט אויפגעגעבן זייער האָפענונג, צו זען מיך אַלס משרת, ווי יעדעס „לייטישע״ קינד פון אַ „לייטישע״ היים, און — האָבן מיך נאָך חדשים ליידיק־גיין, ווידער „אַריינגעדרייט״ אויף אַ פּאָסטן, וואָס האָט זיך געפונען אין האַרץ פון יידיש וואַרשע: אויף נאַלעווקעס. געווען איז עס אין אַ געשעפט פון סאַמע איידעלע אַרטיקלען, ווי: זייד אויף שפּולן, גאַרן, קאַמגאַרן, כוואַסטן, שנורן, פרענדזן, דזשעט וסדומה אַזעלכע זאַכן. אויך אויף מיין דריטן פּאָסטן האָב איך ווי יעדער צוקונפטיקער „מענטש״ אין אַ געשעפט — געדאַרפט קערן, ריין־האַלטן און גיין אַ „גאַנג״. ס׳איז שוין אָבער נישט געווען דאָס גיין מיט שפּיל־

צייג פאַר קינדער, און נאָך פריער — מיט שווערדן, צו אָפּיצירן און פּאָל־קאָווניקעס. געווען זענען עס גענג צו יידישע בעלי־מלאכות און אַרבעטער: שפּולער און שפּולערנס, שפּינער, וועבער, העפטער, פלעכטער א.ד.גל. מיט די גענג האָב איך מיך דאָס ערשטע מאָל דאַן אָנגעשטויסן אָן דער נויט און אָרעמקייט פון די אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס, וועלכע כ׳פלעג אַלס חדר־ייִנגל, זען אַמאָל לויפן אין איין אָטעם, — געיאָגט פון קאָזאַקישע פערד און נאַהייקעס, — פון די אַמאָליקע אַרבעטער־בערזעס.

אַדאַנק דעם דריטן פּאָסטן מייַנעם, האָב איך מיך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן פאַרטראַכט איבער דעם סוד פון מאַכן גרויסע רווחים, פון גאָר־נישט טאָן מער, ווי: לויפן מיטן קאָפּ, ווינקען מיט די אויגן און דרייען מיט דער צונג, — ווי כ׳האָב עס געזען ביי מיינע דריי באַלעבאַטים, שותפים — געפּוצטע חסידים, וואָס פלעגן פון וואוילטאָג רעדן ניבול־פּה; זיך פאַרהערן מיטן משרת, דעם „גאַלעבראָדניק״ — אין דערציילן פעטע געפּעפּערטע וויצן, און — דערכאַפּן זיך די „פאַרחלשטע הערצער״, מיט געגנדזלעך און ביר, וואָס איך פלעג לויפן ברענגען, און אויך קריגן אָפּ־צולעקן אַ ביין . . .

צוליב מיין פאַרנעמען זיך מיט די סודות פון זייערע רווחים, און פאַר נאָך אַזעלכע סודות, וועלכע כ׳האָב אָנגעהויבן אַרויסטראָגן פון „חדר״ — האָט מען מיך נאָך אַ קורצער צייט אַרבעטן — אָפּגעזאָגט אויך פון מיין דריטן פּאָסטן.

אַלס מאָטיוו פאַר אָפּזאָגן מיך, האָבן מיינע באַלעבאַטים אָפּן און צי־ניש דערקלערט, אַז כ׳בין צו ערלעך אויף צו ווערן אַ געשעפטסמאַן . . .

נאָך אַזאַ דערקלערונג, האָבן טאַטע־מאַמע מיינע אויפגעגעבן דעם געדאַנק צו מאַכן פון מיר אַ סוחר.

רויט אויף שוואַרץ

1930—1920

פון דער מאַמען

ווי ליב איך האָב די מאַמע־ערד,
וואָס שוואַנגערט, צייטיקט און געבערט
און שפּייזט (נישט זעלטן, קוים מיט טרוקן ברויט) —
אַזוי־אָ האָב איך ליב די מאַמע מיין,
פון וועמען כ׳האָב געלערנט ליב־האָבן דאָס לעבן —
אויך אין פּיין און נויט,
און ליב־האָבן די פרייהייט און דעם מענטש,
וואָס וויל פון קנעכטשאַפט זיך באַפרייען;
פון דער מאַמען האָב איך עס געלערנט,
זיך נישט לאָזן אין דער קאַשע שפּייען, —
אויך אין אָרעמקייט;
און — ס׳גאַנצע לעבן זיך צו שלאָגן
פאַרן אמת — מער, ווי פאַרן לעבל ברויט.

אַרבעטער

מיט נאָך־נישט צערונענער נאַכט אין די אויגן,
מיט נאָך־נישט צעגאַנגענעם שלאָף אויף די וויעס, —
לאָזן זיי זיך פון די בוידעם־שטובן — טרעפּ אַראָפּ,
הויבן זיי זיך פון די קעלער־שטובן — טרעפּ אַרויף,
און פאַלן, ווי אַרויסגעוואָרפענע פון הייזער —
אין בלאָלעך צעגענעצטע, ליידיקע גאַסן . . .

אַז עס טוען אַ צעפּייף זיך די סירענעס,
קיל, צעצויגן, ווי ס'געהייל פון שיפן פאַרן אָפּגיין, —
שפּרייזן זיי און איילן — נישט פאַרשפּעטיקן
זיך איינצושטעלן, ווי די פערד אין שפּאַן,
און — רייסן גייענדיק, פון לאַבנס טרוקן ברויט,
און עסן דעם פרישטיק פון אונטער די אָרעמס אָפּער . . .

און פאַלט שוין די זון אָפּ פון מזרח,
ווי ס'פייער אין בלאָז־זאַק ביים שמיד,
און וואָלקנדלעך רויטלען און גראָען,
ווי קוילן צעברענט שוין אויף אַש ; —
צעפּראַלן פאַבריקן די טירן און טויערן,
ווי טיפע און פינצטערע גיריקע מיילער,
וואָס האָבן באַגינען ווי שפּייז — זיי פאַרשלונגען,
און שפּייען זיי אויס אויף די ברוקן און שטיינער,
ווי פליגן פון שטאָלענע שפּינען — מאַשינען.

אַרבעטסלאָזע

צו צוויי און דריי,
צו פיר און פינף —
שלעפן זיך שאָטנס פון מענטשן געברידערט,
און זוכן וואָס, זוכן מיט אויגן פאַרלוירענע,
אַזוי ווי די גרעבער אין שאַכטעס געגידערט.

צו צוויי און דריי,
צו פיר און פינף —
גייען זיי זיך שטום פאַרביי
און זייען שרעק
און שפּייען בליי,
און וויגן מיט שווערקייט די הענט,
מיט די פויסטן ווי שטיינער,
גרייט זיי יעדע רגע אויפצוהויבן,
אַלע ווי איינער,
אַלע ווי איינער.

און אַז עמעץ דאַרף פאַר זיי, די הונגעריקע,
איבערזעטיקייט פאַרבייצוטראָגן —
פילט ער, ווי אים ברענען בליקן — כעס,
און ציטערט ווי אַ שעפּס אַ פּעטע,
פאַר די ציינער ביי די וועלף פון גאַס.

אַרבעטער־קוואַרטאַלן

שמאָל, ווי דורכגעצויגענע קאַנאַלן,
ליגן זיי,
די הינטערשטאָטישע צונויפגעפּרעסטע גאַסן —
אַרבעטער־קוואַרטאַלן.

אַנגעוואָרפענע,
ווי ציינער שלעכט צעוואַקסענע, פאַרגעלטע,
ליגן הייזלעך איינס אויף ס'אַנדערע,
באַטרעפלטע, באַשוועלטע,
באַהאַנגענע מיט גאַניקעס, ווי בריקלעך אַלטע,
אונטער טירן צוגעפּאַלענע צו גראָע ווענט,
וואָס קוקן בעטלעריש מיט פענצטער,
ווי מיט אויגן אויסגעלאָשענע און קאַלטע,
איבער רינעס בלאָלעך אָנגעדראָלענע,
ווי אָדערן אויף האַרעפּאַשנע הענט . . .

שמאָל, ווי דורכגעצויגענע קאַנאַלן,
ליגן זיי,
די הינטערשטאָטישע צונויפגעפּרעסטע גאַסן —
אַרבעטער־קוואַרטאַלן.

ציען טעג, ווי יאָרן, דורך דורך זיי,
ווי קרעכצנדיקע רעדער פון אַ שווערן וואָגן;
ליגן נעכט אין זיי צעלייגט,
ווי הונגעריקע בייזע הינט,
וואָס בילן, בילן, ביז ס'הייבט אָן צו טאָגן,
און אויף סירענע־רוף פאַרלאָזן מענער
הויז און ווייב און קינד,
און — גייען, גייען, גייען,
ווי פאַרפינצטערטע, צעשאָטענע אַרמייען,
ערגעץ אָפּ, זיך שלאָגן
מיטן שונא: נויט,
און ברענגען נאָך דער שלאַכט אַהיים — אַ ברויט . . .

פאַבריקן

ווי יאַסלעס פאַרוואַקסן מיט שטיינער אויף ציינער, —
צעוואַרפן זיך שורות מיט הייזער — פאַבריקן
מיט קוימענס, סירענעס, ווי אויסגעשריי־צייכנס,
וואָס רופן, ווי שיפן, אַ הילף זיי צו שיקן . . .

ווי תפיסות — באַשלאָגן מיט גראַטעס די פענצטער ;
וואָס קוקן פאַרחושכט, ווי אַרבעטער־אויגן
ביים לאָזן, ווי שרויפן, אין גאַנג אַלע אברים,
ווי טיילן פון שווערע מאַשינען באַוואויגן . . .

און ס'הוזשעט און ליאַרעמט, ווי ס'וואָלטן זיך קולות
פאַרשטיקטע, פון שטאָל און פון אייזן געטראָגן
מיט דאַמף און מיט רויך פון די אויוונס און קעסלען,
וואָס בורזשען, ווי ס'בורזשעט אַ ליידיקער מאָגן . . .

עס טרייסלען די ווענט זיך, ווי ס'וואָלטן געציטערט
ביי זיי הענט און פיס פון דינאַמישע גלידער,
און ס'דאכט זיך : אַט פאַלן זיי שוואַרץ און פאַררויכערט,
ווי אַרבעטער פאַלן אָן כוחות אַנידער . . .

ווי יאַסלעס פאַרוואַקסן מיט שטיינער אויף ציינער —
צעוואַרפן זיך שורות מיט הייזער — פאַבריקן
מיט קוימענס, סירענעס, ווי אויסגעשריי־צייכנס,
וואָס רופן, ווי שיפן, אַ הילף זיי צו שיקן . . .

הונגער אין שטאָט

שוין טעג, אַז —
ס'פאָרן נישט אַרויס אין שטאָט די פורגאָנעס מיט ברויט,
און ס'שמעקן די פאַרטאָגס נישט מיט דער וואַרעמקייט פון פריש געבעקס,
און קרעמער איילן זיך נישט צו, צו עפענען קאַיאָר די קראָם,
וואָס האָט שוין טעג קיין שפּייז נישט
און איז אָפן, ווי אַ מויל אָן ציין . . .

שוין טעג, אַז —
די פאַבריקן ווייזן נישט קיין סימן לעבן —
גלאָצן מיט די שויבן, ווי באַברילטע שטומע בעטלער,
שטעלן קוימענס און סירענעס שטאַר דעם הימל אונטער,
ווי פאַרשניטענע, געקעפּטע, אויסגעהויכטע העלדזער . . .

ווי אין ליידיקע חדרים — הילכן טריט אין גאַסן;
מענטשן שליאַנדערן אַרום מיט הונגעריקן פיבער,
זוכן וואָס מיט אויגן אָנגעצונדענע, ווי לעמפּלעך
אין די שוואַרצע אויגן־לעכער, ווי אין טיפע היילן . . .

און אונטער דער שטאָט, קומען הינט שוין אויף וועגן אַנטקעגן
מיט בייכער, ווי זעקלעך,
און ריפּן צענומען ווי רייפן,
די ווידלען צעווישן די פיס,
און די מאָרדעס אין מיסטן פאַרנאָרעט, —
מיט דער בשורה פון אומהיימלעכקייט און זאָרג
אַז: טעג שוין —
פאָרן נישט אַרויס אין שטאָט די פורגאָנעס מיט ברויט . . .

געוויין פון אָרעמע פרויען

וואו זאָלן מיר גיין, וואו זאָלן מיר גיין
מיטן הימל־געשריי,
מיט אונדזער געוויין,
פון דער וויסטקייט געטראָגן;
וואו זאָלן מיר גיין, וואו,
מיר — אָרעמע פרויען, —
דאָס פינצטערע מזל צעקלאָגן?

ניכטערע, שיקן מיר אונדזערע מענער אַרויס,
ווען דער טאָג הויבט נישט אָן נאָך צו טאָגן —
קומען זיי שפּעט אויף דער נאַכט
מיט פאַרהונגערטע, וועלפישע בליקן,
און ברענגען אונדז אָנשטאָט אַ ברויט —
זייער מידקייט און מאַטקייט
געוויקלט אין חושך
פון שאַכטעס און ענגע פאַבריקן . . .

די טעכטער, וואָס גייען אָן אַרבעט אַרום
און געפינען נישט, וואו צו פאַרקויפן ס׳געזונט — די מאַשינען —
האָבן מיר, מאַמעס, אַליין
אין די גאַסן געטריבן — פאַרדינען, —
וואַלגערן זיי זיך, ווי האַרבסטיקע בלעטער אין פרילינג,
גייען אויף הפקר־געלעגערס אַראָפּ פונעם זינען . . .

די נאָך־נישט דערוואַקסענע,
לאָזן מיר בלודנע אויף שוועלן און ברוקן,
ווי הינטעלעך, וועמען די הינטיכע האָט וואו פאַרגעסן;
און פיצעלעך, ברעקלעך
מיט רויטע פון וויינען־פאַרשוואָלענע אייגעלעך —
לאָזן מיר איינשלאָפן מיטן געוויין אויף די ליפּעלעך: עסן! . . .

אַז ס'זאָלן נאָך פאַרן געבורט גיין פאַרלוירענע,
ווי מיר פאַרלירן דאָס האַרץ מיט די לונגען ביים הוסטן; —
צעטרייבן מיר, מאַמעס,
די קינדער, די נאָך־נישט־געבוירענע,
ווען מיר האָבן קיין מילך נישט צו געבן צו זייגן,
נאָר: שווינדזוכט פון אונדזערע ברוסטן . . .

וואו זאָלן מיר גיין, וואו זאָלן מיר גיין
מיטן הימל־געשריי,
מיט אונדזער געוויין,
מיר, אָרעמע פרויען? . . .

געוויין פון הונגעריקע קינדער

— טאַטע, ברויט!
— מאַמע, עסן!
מיר האָבן אַלץ געטאָן שוין, אַלץ —
דעם הונגער צו פאַרגעסן;
מיר האָבן זיך שוין אויסגעשפּילט אין אַלע שפּילערייען,
און ער לאָזט זיך נישט פאַרשפּילן;
מיר האָבן אַלע דאַרע שטיקלעך
לאַנג און גוט געפּרואווט צעקייען,
און מיר קאָנען אים נישט שטילן
און פאַרשלאָגן;
מיר האָבן שוין די פינגער ביז די ביינדלעך אויסגענאָגט
און — ס'הערט נישט אויף צו נאָגן;
מיר האָבן מיטן הונגער שוין געפּרואווט
זיך לייגן שלאָפן —
לאָזן זיך די אויגן־לעפּלעך נישט פאַרמאַכן, —
ליגן מיר אַזוי, די אויגן אָפן,
שלאָפן אומרואיקע,
ווי מיר וואָלטן וואַכן,
חלומט אונדז: אַ שטוב — אַ קבר,
ס'לויפן מייז פון ליידיק קאַלטע טעפּ,
אין מיטן שטוב — פיר ברענענדיקע ליכט,
אויף דר'ערד — צוויי טויטע,
נעבן זיי — מיט גרויסע קעפּ
און פיסלעך אויסגעדרייטע —
וויינען קינדער,
רייסן פון זיי טויטערהייט,
און בעטן מיט די לעצטע כוחות:
— מאַמע, עסן!
— טאַטע, ברויט!...

ערגעץ זינגען . . .

ערגעץ זינגען מיינע ברידער
אין פֿאַרנעפּלטע פֿאַרנאַכטן
אַ מאַטראָזן־ליד פֿון היים־לאַנד
אויף אַ בלאָנדזשענדיקער שיף;

ערגעץ זינגען מיינע ברידער
מיט די קרייץ־העק אין די שאַכטן,
אויקען־אויס ביי בלינדע פּלעמלעך
זייער גורל פֿון דער טיף . . .

ערגעץ זינגען מיינע שוועסטער
ביי די נאָדלען און מאַשינען,
קלאָגן־אויס דאָס ביטער מזל
פֿאַר די ענגע טוכלע ווענט;

ערגעץ זינגען מיינע שוועסטער
אין די גאַסן, און זיי מיניען
פּרעך צעוואונקען מיט די אויגן —
ווייל מען קויפֿט נישט זיי׳רע הענט . . .

ערגעץ זינגען זיי צוזאַמען,
האַנט און אָרעם ענג געשלאָסן
און זיי מאָנען און זיי דראָען,
שטעלן דרייסטע, פֿעסטע טריט;

ערגעץ זינגען זיי צוזאַמען
אינעם צאָרן אויסגעגאָסן,
און זיי גייען, ווי מיט מעסער —
שניטער, אין דער צייט פֿון שניט . . .

פון גלייכגעוויכט

כ'בין אַרויס פון שוואַרצן אַנגעהאַנגענעם געשפּאַן
און כ'וועל אין אים צוריק שוין נישט אַריין . . .

אַ ריס־געטאָן זיך פון דער זשלאָבע,
און געלאָזט זיך הפקר
צו דער פריי —
וואו ס'לעבן וואַרט אויף מיר
מיט פולע יום־טוב־טעג,
און רופט מיך לאַנג שוין,
צייטן לאַנג . . .

האָט ס'געדולד געפּלאַצט,
און כ'טראָג זיך וויכערדיק
אויף וועגן נישט געקליבענע;
אויף מיין רוקן רייט די נאַכט צעשראָקן,
סאָפּעט אומרואיק,
וויל פאַרהאַלטן מיך אין אימפּעטיקן לויף,
און קען מיך נישט דערכאַפּן פאַר דער צוים . . .

ס'שפּאַרט דער קאָפּ זיך איינגעעקשנט אויף פאַראויס,
וואו ס'לאָזן הימלען גאָלדענע אַראָפּ זיך צו דער ערד,
און מיינע אויגן שיסן ווילד, מיט ווילן —
אויפגעפלאַקערט פונעם האַס און עקל
צו דער קאַריטע, וואָס דאַרף מיך זעטיקן
מיט מעלה־גרה־זיין דאָס צוגעוואָרפענע
פון פרעמדע האָב און גוטס, —
פון מיינס און אַלעמענס,
וואָס שרייט פאַרשווענדעריש
אַראָפּ פון רויבער־טיש . . .

— — — — — — — — — — —

כ'בין אַרויס פון שוואַרצן אַנגעהאַנגענעם געשפּאַן
און כ'וועל אין אים צוריק שוין נישט אַריין . . .

ליד פון געדעכטע

דער שונא ווייסט נישט —
דער שונא ווייסט נישט,
וואָס מיר, אָרעמע, פאַרמאָגן,
וואו ס׳געפינט זיך אונדזער אוצר: —
כוח, כוחות צו פאַרשווענדן,
און געדולד פון שטאָל און אייזן . . .

דער שונא זעט נישט —
דער שונא זעט נישט,
ווי אויף אונדזערע געלעגערס
אויסגעבעט אויף נויט און דחקות,
ליגט און לייכט אַראָפּ דער אמת: —
אונדזער שלאָפּלאָז קינד אין חושך . . .

דער שונא הערט נישט —
דער שונא הערט נישט,
ווי עס שלאָגן מאָרגן־שעהען
אין די נעכט פון אונדזער וואָך־זיין
מיט צעצונדענע מחשבות,
ווי מיט לעמפלעך אין די שאַכטעס . . .

דער שונא פילט נישט —
דער שונא פילט נישט,
ווי עס גייט אים נאָך פון הינטן
אַ פאַרשוואַרצטע ריזן־מחנה,
ווי אַ ים, וואָס טראָגט מיט אומרו, —
ערב שטורעם צו די ברעגעס . . .

ליד פון פיאָנערן

מיר זענען פיאָנערן, פיאָנערן — סאַפּיאָרן,
מיר גייען פאָראויס אין די פאָדערשטע רייען —
צו ציען די וועגן, און וואַרפן די בריקן
פאַר שפּעטער־געקומענע פרייהייטס־אַרמייען.

וואו ס'ליגט די צעשטערונג, דאָרט קומען מיר בויען,
וואו ס'לאָזט זיך נישט בויען, דאָרט קומען מיר שטערן; —
אַ פעלדז; — אויפגעריסן! אַ באַרג איז; צענומען!
אַ טאָל — מוז פאַרשאָטן און אויסגעגלייכט ווערן...

איז וואָס, אַז דער וועג איז פאַרוואַקסן מיט שטיינער
און ס'דראָט אונדז די וויסטקייט צו ווערן פאַרפאַלן?
עס מוזן די סטעפּעס אונדז שטילן דעם הונגער
און ס'מדבר — דעם דורשט פון באַהאַלטענע קוואַלן...

ס'כלי־זין ביי אונדז איז: דער ליכטיקער גלויבן,
דער ברען אין די אויגן, דער גלי און דער פלאַקער
ביים שפּאַנען אַנטקעגן דעם אויפגאַנג פון מאָרגן,
מיט שטאָלענעם ווילן, וואָס שניידט, ווי אַן אַקער...

מיר זענען פיאָנערן, פיאָנערן — סאַפּיאָרן;
מיר גייען פאָראויס אין די פאָדערשטע רייען —
צו ציען די וועגן, און וואַרפן די בריקן
פאַר שפּעטער־געקומענע פרייהייטס־אַרמייען.

מיר פאָרערן!...

מיר בעטן נישט, מיר בעטלען נישט, מיר מאָנען נישט —
מיר פאָדערן!
אונדז קומט! מיר האָבן אויפגעשריבנס —
רויט אויף שוואַרץ,
מיט בלוט פון אויפגעדראָלענע, געפלאַצטע אָדערן,
ווי שטריק געקניפּט און אָנגעצויגן
איבער אונדזער לייב און לעבן —
אָנגעצונדן מיטן צאָרן־פיבער פונעם האַרץ,
און מיט אַ פייער ביזן טיפן חושך פון די אויגן...

מיר בעטלען נישט, מיר בעטן נישט, מיר מאָנען נישט —
מיר פאָדערן!
באַצאָלט! דער חשבון ברענט און שרייט:
— גענוג געוואַרט! גענוג! ס'איז צייט!
שוין צייט באַצאָלן! צאָלט!
פאַר אונדזער הונגער־פּיין,
פאַר אונדזער קנעכטשאַפטס־גאָלד,
פאַר נאָך און נאָך פון אייער גרויסער שולד
אין אונדזער בלינד־צעשפּרונגענעם געדולד...

שוואַרצע

שוואַרצע!
ראָבן אויפֿן לעבעדיקן גוף!
זענט איר טויב פֿאַר אַלע אויפֿרופֿן, און רוף
פֿון אונדזערע פֿאַראייניקטע —
פֿאַרהונגערטע, פֿאַרפּייניקטע
מיליאָנען?!

הערט איר נישט ס'געבריל פֿון ווילדער דראָאונג
פֿון אַ כּוח, וואָס איז שטאַרק און רוי,
און רייסט זיך, ווי דער ים אין שטורעם,
איבער יעדער צוים און ברעג,
און נעמט די פֿרייהייט זיך אַליין
און מאַכט אַליין זיך פֿריי דעם וועג?!

שדים, אינעם טאַנץ אַרום די עגל־הזהבס און איקאָנעס!
זענט איר בלינד אין אייער שוואַרצער סעודה!
זעט איר נישט, ווי ס'רוקן זיך, ווי וואָלקנס אָן סכּנות
איבער איי'רע קעפּ, —
פֿון מחנות אויפֿגעשטאַנענע,
וואָס ברענגען אייער אייביקע ירידה
און אַ לעצט־געשענקטע שעה אויף ודוי —
אויף די שטאַפּלען אייערע, און טרעפּ
פֿון מענטשן־שאַרבנס?!

קראָען אויף צעפּוילטע בערג מיט מיסטן!
ס'האָט זיך שוין דער שטורעם פֿונעם אָרט גענומען רירן!
הערט איר נישט, ווי ס'ציטערט שוין די ערד פֿון זיינע טריט,
וואָס קומען אייך צעטרעטן און פֿאַרוויסטן?
הערט איר נישט דאָס ליאַרעמדיק געקאָלעריי
פֿון פּעסער סמאָלע,
פּעך און שוועבל, דינאַמיט,
וואָס איר אַליין האָט אָנגעשיט
און צוגעגרייט
פֿאַר אייער טויט?!

ציטערט שוואַרצע, פאַר דער רויטער קללה!
ס׳גייען שוין די ערשטע לאַנעס אויף,
ס׳גרייטן זיך דערהויבענע אַ רויטע שמחה פייערן,
און זייער נאַכט אילומינירן —
מיטן אונטערצינדן איי׳רע שפייכלערס, הייף
און שייערן,
מיט רויב,
און — נעמען זיי מיט פייער פון באַרויבטע
און באַצאָלן אייך — מיט אַש און שטויב...

רויט אויף שוואַרץ

נישט שוואַרץ אויף ווייס,
נאָר: רויט אויף שוואַרץ —
שרייבן מיר, קנעכט, אין דער פינצטער
דאָס רויטע געשריי
אויף צעפּלאַטערט פּאַריסענע פּענער;
און רויט זענען אונדזערע טריט, וואָס מיר שטעלן,
און רויט איז די שפּור, וואָס מיר לאָזן נאָך זיך,
ווען מיר גייען אַנטקעגן דעם פיינט
מיט פאַרלאָפּענער רויטקייט אין אויגן — —
צעברענטע פון הונגער־נקמה,
ווי לעמפּלעך אין חושך פון שאַכטעס . . .

און כאָטש ס׳וויינען לייבער אויף אונדז,
ווי מלבושים אויף ביינער,
און ס׳קנאַקן סקעלעטיש די הענט,
ווען זיי נעמען זיך ביילן, —
לאַכן מיר, לאַכן מיר רויט אין די פויסטן,
מיר פילן דעם זיג אינעם מעכטיקן צאָרן,
וואָס בלאָזט ווי אַ בלאָז־זאַק, פונאַנדער
אין אונדזערע הערצער, דאָס פייער,
פאַר וועלכן ס׳אַנטלויפן די פינצטערע נעכט,
ווי צעשראָקענע קראָען פאַר שרפות . . .

רויטע אָדלער

פליִען, פליִען רויטע אָדלער,
רויטע אָדלער — פלאַם און פייער,
רויטע, רויטע, רויטע רייטער,
רייטער — רעטער און באַפרייער.

ווי אַ רויטע שריפט פון ראַדיאָ —
בליצט אַ שורה נאָך אַ שורה
רייטער, ווי פון ווינט געהויבן,
יונגען פול מיט ברען און גבורה;

פליִען, פליִען, ווי די רוחות
טראָגן זיך ווי פייל פון בויגן,
שפייען פייער פון די מיילער
שיסן פייער פון די אויגן;

יאָגן היץ אַרויס פון אָטעם,
שפרינגען פעלדז און בערג אַריבער,
און צעשיטן זיילן פונקען,
לאָזן שרפות נאָך זיך איבער;

שניידן וויאָרסטן, שניידן מיילן
איילן ערגעץ — נישט פאַרזוימען;
און מען קען זיי נישט דעריאָגן
און דערכאַפּן פאַר די צוימען. —

פליִען, פליִען, ווי די אָדלער
רויטע אָדלער — פלאַם און פייער,
רויטע, רויטע, רויטע רייטער,
רייטער — רעטער און באַפרייער.

לאָמיר מקריב זיין...

אלישבען לעווקאָוויטש.

ליבסטע, ס'איז מיר שווער די לאַסט
פון אונדזער גרויסער ליבע,
קליין — די פרייד, און ענג — דאָס גליק אין ד' אמות;
לאָמיר עס אַרויסטראָגן צו די,
וואָס בראָדיען הפקר אין די גאַסן,
די, וואָס האָבן נאָך קיין ליבע נישט געפילט
שוין קינדוויז ביי די מאַמעס,
און אין נויט און הונגער — זיך געלערנט האַסן...

לאָמיר אונטערטראָגן אונדזער וואַרעם פלאַטערן
צו די, וואָס הויבן אויף די רויטע פאָן,
און הויבן אָן, ווי קריעס אייז זיך רירן,
איינגעשטעלט מיט ווייב און קינד אין קאָן —
נישט האָבנדיק וואָס צו פאַרלירן...

ליבסטע, לאָמיר געבן זיי צושטייער
אונדזער ליבע, אונדזער פייער.

פון גליל ביז קרים . . .

פון גליל ביז קרים און צ׳ריק —
פון כוחות יונג צעפלאָקערטע,
זאָל ציען זיך פון גאָלד אַ בריק
אויף פעלדער פריש פאַראַקערטע.

מיר דאָ, איר דאָרט — ס׳איז איין געזאַנג
ס׳איז איין און ס׳זעלבע שניטער־ליד, —
סאיז שווער דער טראָט, און ליב דער גאַנג
אַז — וואונדער וואַקסט מיט יעדן שניט . . .

מיר דאָ, איר דאָרט — נאָר ערד און ערד
אַן אַקער און אַ דרעש־מאַשין,
מען דאַרף אַ קו, מען דאַרף אַ פערד —
וועט זיין אויך האָניק פון דער בין . . .

מיר דאָ, איר דאָרט — דער זעלבער ציל,
די זעלבע זאָרג, די זעלבע פרייד —
ווען ס׳בליט אין קרים, און ס׳בליט גליל
און ס׳צאָלט פאַר שווייס זיך אָפּ מיט ברויט . . .

פון גליל ביז קרים און צ׳ריק —
פון כוחות יונג צעפלאָקערטע,
זאָל ציען זיך פון גאָלד אַ בריק
אויף פעלדער פריש פאַראַקערטע.

ווי . . .

ווי גיט מען ס'ליד מיינס פלייש און מאַרך און זאַפט,
אַז, כ'שרייב מיט בלוט, ווייל כ'האָב מיין פּען פאַרשקלאַפט
צו די, וואָס האָבן גאָרנישט, פּונקט ווי איך,
וואָס מיין מיליאָנען — ווען איך רעד פון זיך?

ווי גיט מען ס'ליד מיינס פלייש און מאַרך און זאַפט,
אַז ס'דאַרף נאָר זיין אַ וואָרענונג פון קראַפט —
ביי די, וואָס האָבן לייב פון הויט און ביין
און וועלפיש גלי אין אויג, און שאַרפע ציין?

⁂

כ׳האָב ברידער, פּאָעטן, וואָס כ׳בין זיי מקנא, —
פֿאַר קענען אין שיכרות אַוועק פֿונעם טרויער,
פֿאַר זינגען אין שיכרות דאָס ליד פֿון נירוואַנאַ,
וואָס האָט נישט צו טאָן מיט דער וואָר, מיט דער רויער.

איך בין זיי מקנא, ווייל מיך האָלט געפֿאַנגען
אַ כּוח, וואָס דאַרף נאָך אַליין אַ באַפֿרייער;
אַ כּוח פֿון לעבנס, ווי טרויער־געזאַנגען,
וואָס דאַרפֿן דאָס ליד מײַנס פֿון בונט און פֿון פֿייער.

לכבוד ערשטן מאַי

אויבן: טיפער בלאָ און זוניק בלענד.
אונטן: ים, וואָס רעגט דיך צו דער פריי;
ביים פענצטערל פון דאַך ביי מיר — אַ פאָן,
אַ רויטע פאָן, לכבוד ערשטן מאַי.

אויפגעהאָנגען האָט זי האַלבער נאַכט
אַן אַרבעטער, אַ שכן פונעם הויז,
וואָס ווערט בשותפותדיק באַוואוינט פון די,
וואָס קוקן ס'לעבן לאַנג די פרייהייט אויס.

פלאַטערט זי, די פאָן, איצט אויפן דאַך,
ביים דאַך־שטיבל, וואָס ווערט באַוואוינט פון מיר,
און וועקט און רופט, אַרויס, אַראָפּ אין גאַס —
זיך איינצושטעלן ערגעץ אונטער איר.

איינצושטעלן זיך, ווי יעדעס יאָר
אין טאָג פון ערשטן מאַי אויף גאָר דער וועלט,
וואו ס'לעבן די, וואָס האָבן פאַר דער פריי —
דאָס לעבן שוין נישט איינמאָל איינגעשטעלט.

פלאַטערט, כוואַליעט זיך אין ליכט מיט ווינט,
פאַרוויקלט און צעוויקלט זיך אויפסניי —
ביים פענצטערל פון דאַך ביי מיר — די פאָן,
די רויטע פאָן, לכבוד ערשטן מאַי.

אַ טאָג — אַ שלאַכט

אַז דורכלעבן אַ טאָג, איז ווי אַדורכמאַכן אַ שלאַכט —
איז ליב און גוט די נאַכט,
אַפילו ווען מען שלאָפט זי נישט אַדורך
פאַר וואונד און וויי,
ווי ס'שלאָפט אַ זעלנער נישט, אין פינצטערן טראַנשיי,
נאָר ליגט, און וואַכט, און היט,
און היט זיך פאַרן טויט,
און פיבערט, גליט
פון שרעק.
אפילו פאַר די מאָרגנדיקע טעג, —
פון זען אין יעדן האָריזאָנט
פון זון־אויפגאַנג און זון־פאַרגאַנג:
דעם פראָנט
צעפלאַקערט פון אַ שלאַכט;
פון זען אין אַלץ, וואָס רויט איז — בלוט, —
איז ליב און גוט
די נאַכט.

ליד

ליד, איז: ס׳קינד פון ליבן אָדער האַסן.
בין איך איבערפול מיט רויטן האַס, —
איז מיין ליד, דאָס ליד פון גראָע מאַסן,
איז מיין ליד, דאָס ליד פון גראָער גאַס, —
וואו אַפילו ליבע־לידער קלינגען
טרויעריק, אין סאַמע העכסטער פרייד, —
ווי עס וואָלטן איבער הייף זיי זינגען,
די, וואָס גייען זינגען צוליב נויט.

איז מיין אויער פול מיט טרויער־קלאַנגען,
און דאָס האַרץ מיינס — אומרואיק, צעוויגט,
ווי עס וואָלט מיט יענע מיטגעגאַנגען, —
וועלכע זענען מיט אַ וועלט צעקריגט;
מיט אַ וועלט, מיט לענדער שוואַרץ־צעבליטע
פון דער זריעה פון דער שוואַרצער האַנט,
וואָס וויל אויסשפרייטן איר וויסטער שליטה
אויך אין דיכטערס אויסגעחלומט לאַנד.

אין דער אמתן

כאָטש איך בין אין דער אמתן צאַרט
ווי דאָס בליעכץ פון ערשטן צעבלי —
ווערט דאָס ליד מיינס, דאָס לירישע, האַרט
ווי ס'איז אייזן, און רויט ווי דער גלי.

כאָטש איך בין אין דער אמתן שטיל,
ווי אַן אויער, צום הערן נאָר גרייט —
מוז איך זינגען אַזוי ווי עס וויל
דער, וואָס האָט נישט אין לעבן קיין פרייד;

מוז איך זינגען אַזוי ווי עס זינגט
ביי דעם פייער פון בלאָז־זאַק, דער שמיד,
ווען ענס האַמער דער שווערער, פאַרקלינגט
זיין אינטים, זיין האַרץ־רייסנדיק ליד;

אָט דאָס ליד זיינס, איז מיינס, ווי ס'איז זיין,
אָט דאָס ליד זיינס געהערט צו אַ סך,
ווען ענס זעלביקער גורל פון פיין
ס'רעדט אויף איין־און־דער־זעלביקער שפּראַך.

אויף דער ביטערער שפּראַך פונעם האַס
קעגן יעדן באַלבעסל און האַר;
אויף דער שפּראַך פון דער אַרבעטער־גאַס,
וועלכע דאַרף אַ פּאָעט, אַ בונטאַר.

ליד פון נאַקעטן וואָרט

ווי אויפגעדעקט עס ווערט אַ פאַלשע קאָרט —
אַנטבלויזט האָב איך, ביז נאַקעטקייט, דאָס וואָרט,
וואָס האָט אין זייד און סאַמעט זיך געצירט,
און ווי אַ גאַסן־פרוי, צו שאַנד און שונד דערפירט.

זאָל נאַקעט, ווי אַ ניי־געבוירן קינד
דאָס וואָרט מיינס זיין, דאָס וואָרט מיינס, וואָס באַדינט
דעם הייליקסטן, דעם מענטשלעכסטן געבאָט:
לא תרצח! — ווער אַ גאָט אין האַרץ נאָך האָט.

און דו, מיין ליד, ווי נאַקעט — אַזוי האַרט
און שטאַרק זיי, און פאַרעקשנט, איינגעשפּאַרט,
ווי די, פון אונטערשטן, פון טיפסטן שיכט,
פון וואַנען ס'רייסט צו פרייהייט זיך, צו ליכט.

מיין שטערן

אַ יעדער געפינט זיך זיין שטערן.
און איך האָב מיין שטערן, מיין בלאַסן,
געפונען אין פיינפולע טרערן
ביי די, וועלכע לערנען זיך האַסן —

דעם בלוטיקן האַס פון גערעכטן,
וואָס מאָנט, און וואָס פאָדערט און צאָרנט,
און וויל זיך נישט לאָזן פאַרקנעכטן,
און —ביילט זיינע פויסטן, און וואָרנט.

נישט לשמה

נישט שטענדיק קען מען זינגען נאָר לשמה,
לשם געזאַנג פאַר שיינקייט, גלאַנץ און פּראַכט;
די הימלען זענען אויך נישט שטענדיק בלאָ
און ס׳לייכטן נישט קיין שטערן יעדע נאַכט.

עס נעמט צו יעדן חלום אויך אַ סוף,
און ס׳ענדיקט זיך אַ יום־טוב־טאָג מיט וואָך,
און וואָכן־טעג, זיי זענען גראָע שאָף —
ביי וועמען ס׳לעבן פאַלט צו לאַסט און יאָך.

נישט שטענדיק ווייסט אַ קינד נישט, וואָס עס וויל,
ס׳האָט אויך ווען, אַ דערוואַקסענעם פאַרלאַנג;
און ס׳קען אַ ליד, נישט שטענדיק זיין אַ שפּיל,
אַ שפּיל פון וואָרט, אַ שפּיל פון פאַרב און קלאַנג.

איך זאָג עס קעגן יענע זינגער בלויז,
וואָס וויקלען זיך אין נעפּל און אין סוד,
און זינגען שטענדיק זייער אומזין אויס,
ווי עפּעס גרויס און הייליקס, ווי געבאָט;

און חנדלען זיך מיט שיין־ווערטער, געלאָזט
ווי זייפבלאָזן, צום פּלאַצן און פאַרגיין,
און האַלטן נישט פון מיר, ווייל פּשוט, פּראָסט,
איז יעדעס ליד מיינס, ממש צום פאַרשטיין . . .

נאָר מער געפעלט זיי נישט מיין ליד, דערפאַר
ווייל נישט פאָעטיש שיין, זעט אויס די נויט,
מיט וועלכע איך באַאומרואיק דעם האַר,
ווייל כ׳בין, ווי זאָגן זיי: געכאַפּט אויף רויט.

יאָ, רויט בין איך, און בין דערפאַר די שרעק
פאַר „שוואַרץ” און „ברוין”, פאַר יעדע טונקלקייט,
וואָס וועט אין רויטן שטורעם ווען אַוועק,
ווי פּלעווע מיטן ווינט, פון פעלדער ברויט.

ס'איז רויט דאָך, נישט נאָר ווייַן; אויך בלוט אין קאַמף
פון צאָרן קעגן אומרעכט, וואָס צעברויזט
דעם מאַסן־מענטש, וואָס אָטעמט רויך און דאַמף,
און לייגט צעקאָפּנס אונטער זיך, די פויסט.

חוץ שיכור — קען איך ניכטער־זיין און זען
אַזוינס, וואָס נאָר דער אמת־זוכער זעט,
און — שיקן אויך צו אַלדי־רוחות ווען
דעם שיין־גייסט און בלאָ־בלוטיקן פּאָעט.

נישט שטענדיק קען מען זינגען נאָר לשמה,
לשם געזאַנג פאַר שיינקייט, גלאַנץ און פּראַכט;
די הימלען זענען אויך נישט שטענדיק בלאָ,
און ס'לייכטן נישט קיין שטערן, יעדע נאַכט.

פֿאַר מיר און פֿאַר אַלע

אין די גערטנער פון זאַגלעמביע

ווי אויסגעשפּיגן פון די קוימענס —
שטעלט די זון זיך איבער די פאַבריקן,
מאַט פאַרנעפּלט, ווי אַ ליקוי־חמה
אויפגעגאַנגען איבער גאַנץ זאַגלעמביע . . .

זיצן אַרבעטס־מענער, פרויען, קינדער
אין אַ פּאַרק, אַ פרייע שעה אויף אָפּרו,
דורשטיקע נאָך פרישער לופט אַ ביסל —
ציען זיי און שלינגען דאַמף פון קעסלען . . .

זענען לונגען ענג אַזוי און שטיקנד,
הוסט מען, ווי עס וואָלט גאָר האַרבסט געווען,
און מ'שפּייט מיט שטיקער בליי און סאַזשע,
ווי מיט קלעק אין העלן טאָג פון זומער . . .

קרומע, שיטערע, ווי קראַנקע ציינער,
ווי פון טשאַד פאַרחלשט, אומצופאַלן —
שטייען ביימער, שווער די קעפּ געבויגן,
ווי קיין ווינטל וואָלט זיי נישט צעקעמט נאָך . . .

צווייגן — קנוילן שטעכנדיקע דראָטן,
בלעטער האַרטע, ווי פון בלעך געשניטן,
און אין אַלע גערטנער פון זאַגלעמביע
בליט אַזוי און פאַלט דאָס שוואַרצע בליעכץ . . .

וואַרשע, 1931

קעניגס־הויטע

אייזן־גאָס און שטאָלערן געבראַזג,
אַ סאַפּעריי, אַ סיקעריי, אַ דרינדזשעריי,
און קוימענס פון פאַבריקן, ווי פון שיפן —
שפייען וואָלקנס רויך און ס׳רעגנט — בליי . . .

ווינדעס נידערן און הויבן זיך מיט משא,
לאָדן אויס און לאָדן צ׳ריק זיך אָן,
צעפירן איבער רעלסן, איבער בריקן —
אַט אַזוי די צענער־טויזנט טאָן.

פון וואַגאָנען לויפן וואַגאָנעטקעס
איינע נאָך דער אַנדערער מיט קויל,
און ריזן־קעסלען איינער נאָכן צווייטן —
עפנט גיריק אויף פאַר זיי דאָס מויל . . .

דער הייצער הייצט, גיהנום־פייער ברענט,
אַנטבלויזטע אַרבעטער מיט נאַקעט, וואונדיק לייב,
מ׳שמעלצט און מ׳איז אַליין נישט מער ווי שמעלץ,
פאַרקויפט, צו ברענגען ברויט פאַר קינד און ווייב . . .

און שטויב פון שטאָל און אייזן הענגט מיט דאַמף
און ליגט אויף אַלץ, וואָס איז אין שטאָט פאַראַן,
און ס׳גייען מענטשן חושך און פאַרשוואַרצט
אַרום, ווי איינגעשפּאַנט אין שוואַרצן שפּאַן . . .

און אַרבעטסלאָזע ביי פאַרהאַקטע טויער׳ן
שטייען הונגעריקע, שטענדיק גרייט
און וואַרטן — עמעץ זאָל פאַראומגליקט ווערן,
אָדער פאַלן ביי דער אַרבעט טויט . . .

אייזן־גאָס און שטאָלערן געבראַזג,
אַ סאַפּעריי, אַ סיקעריי, אַ דרינדזשעריי,
און קוימענס פון פאַבריקן, ווי פון שיפן —
שפייען וואָלקנס רויך און ס׳רעגנט — בליי . . .

וואַרשע, 1931.

ליד פון דינסטמיידלעך

קלאָגט זיך אַ דינסטמיידל:
— יונג, נאָך אַ קינד — בין איך אָן דער השגחה געבליבן,
די אָרעמקייט האָט פונעם שפּינוועבס, דאָס קלייד מיינס געשפּינען,
במעט נאָך אַ קינד — האָט די נויט פון דער היים מיך געטריבן
און כ'האָב אין דער פרעמד זיך געשטעלט פאַר אַ דינסטמיידל — **דינען.**

קלאָגט זיך אַ צווייטע:
— געוועזן אַן איינציקע, ס'ווייסלעכץ אין איוג ביי דער מאַמען,
היינט בין איך אַ נאָכוויש ביי שמאַלציקע, פוילע מאַדאַמען,
נישט איינמאָל באַוואַש איך זיך ס'פּנים מיט ביטערע טרערן —
באַליידיקט פון צינישע, איבערגעזעטיקטע הערן . . .

קלאָגט זיך אַ דריטע:
— מ'זוכט זיך נאָר וואוילטאָג, מ'פראַוועט נאָר טישן און בעלער,
מ'ווייסט שוין אַליין נישט, וואָס נאָך מען זאָל טרינקען און עסן,
און איך, אין דער קיך ביי די טעפּ, ביי די גלעזער און טעלער,
איך פאַל אויפן פּנים און ווער אַזוי אַלט און פאַרזעסן.

קלאָגט זיך אַ פערטע:
— מען לאָזט אויף מיין שטעל מיך קיין מאַן, קיין געליבטן נישט **האָבן,**
קומט אויס מיר נישט איין נאַכט, אַ קינד אַ געחלומטס באַגראָבן,
און טראָגן דעם וויי, ווי די פרוכט פון באַהאַלטענע זינדער
און זיין בלויז אַ מאַמע צו לייבלעך נישט אייגענע קינדער.

קלאָגן זיך דינסטמיידלעך:
— שלעכט איז אונדז קעכנס, באַדינערנס, קנעכט אין סאַלאָנען,
וואו קאַלט שפּיגלען לוסטערס אונדז אָפּ, ווי די טייכלעך וואָס בלייען;
פאַרגעסט־זשע נישט ברידער אין חשבון פאַר אונדז אויך צו מאָנען
און אונדז אויך פון אונדזערע ליכטיקע תפיסות באַפרייען.

וואַרשע, 1931.

ליד פון גאַס

כ'האָב היינט פון גאַס צו גאַס
פון הויף צו הויף,
ווי אַלע מאָל —
אַרויסגעטראָגן צום פאַרקויף
מיין לויטער שטיל געזאַנג,
און נישט פאַרקויפט קיין קלאַנג . . .

ווער דאַרף מיין ליד —
ווען ס'איז נישטאָ קיין ברויט,
ווען ס'גייט פון הויז צו הויז,
גאַס איין, גאַס אויס —
די נויט,
און — ברעכט די דאַרע הענט,
און שלאָגט אָן ווענט
דעם קאָפּ,
און פירט דיך וואו אַרויף,
און פירט דיך וואו אַראָפּ,
און ווייזט דיר וואו זי וואוינט און ליגט,
און זעסט געלעגערס ווי פאַר הינט,
ס'פאַרפעלט דיר לופט,
און ווערסט דערשטיקט,
און ווערסט בייטאָג פון חושך בלינד,
און זוכסט אַ וועג, אַ וועג אַרויס,
און ווילסט אַנטלויפן פאַרן טויט,
און קוקסט ווי אין אַ לאַנגער נאַכט
די אויגן אויס —
אויף מאָרגן־רויט.

כ'האָב היינט פון גאַס צו גאַס
פון הויף צו הויף,
ווי אַלע מאָל —
אַרויסגעטראָגן צום פאַרקויף
מיין לויטער שטיל געזאַנג,
און נישט פאַרקויפט קיין קלאַנג . . .

וואַרשע, 1931.

פון שטוב אין גאַס

כ'האָב די אָרעמקייט פון שטוב אַרויסגעטראָגן אין דער גאַס
און אויפן ברוק אַוועקגעלייגט זי נאַקעט און אַנטבלויזט:
קוקט און זעט פון וואַנען ס'וואַקסט ביז צאָרן אויס דער גרינער האַס,
און שפייט מיט גיפט און גאַל, און ביילט אַ האַרטע, רויטע פויסט.

די נויט איז נישט קיין בעטלער־קינד מיט אויסגעשטרעקטער האַנט,
די נויט וויל קיין נדבה נישט, אַפילו ווען זי נעמט,
זי שרייט בלויז אין דער שטום, אַז ס'איז אַ חרפּה און אַ שאַנד,
ס'זאָל וויקלען זיך אין זייד ווער, ווען עס האָט נישט ווער קיין העמד;

זי רייסט דעם טאָג די אויגן אויס, און וואַרפט זיי אין די נעכט,
וואָס ליגן דאַכט זיך אייביקע, צעלייגט אין הינטער־שטאָט,
זי רייסט דעם טאָג די אויגן אויס: כ'וועל ערגער זיין פון שלעכט
און שענדן דיך, ווי גאַסן־קינדער שענדן יעדן גאָט.

כ'האָב די אָרעמקייט פון שטוב אַרויסגעטראָגן ווי אַ שטיין
און שווער אַזוי אַוועקגעלייגט זי נאַקעט און אַנטבלויזט:
אומרעכט, קוק, ווי ס'ליגט אין וועג דיר די גערעכטיקייט אַליין,
און שפייט מיט גיפט און גאַל, און ביילט אַ האַרטע רויטע פויסט . . .

וואַרשע, 1931.

רויטע קולים

וי ס׳וואָלט פון דר׳ערד זיי אויפגעהויבן דער סאַמום —
דער רויטער שטורעם, וואָס איז ווייט נאָך נישט אַריבער —
אויפגעשטאַנען איז, ווי פון אַ געלן פיבער,
די מיליאָניקע, געליימטע שווערע מאַסע
פון דער געלער, הונדערטער מיליאָנען־ראַסע.
אויפגעשטאַנען, ווי די שאָף
פון שלאָף,
און אָנגעהויבן זיך צו רירן,
אָנגעהויבן זיך באַוועגן,
האָט זיך שוין געפונען ווער ס׳זאָל פירן
פירן — קעגן, קעגן, קעגן:
קולים — קעגן מאַנדאַרינען,
קולים — קעגן מענטשן — שפּינען,
קולים — קעגן זיין ווי פליגן
אויסגעזויגט און אויסגעשפּיגן,
אויסגעשפּיגן און צעטראָטן,
און באַגראָבן און פאַרשאָטן.
זענען פון פאַרשוואַרצטע יאָרן
געלע קולים רויט געוואָרן,
רויט און רויטע — אויפגעשטאַנען —
פּאַרטיזאַנען
און אַרמייען,
און — זיי שפּאַנען
און — זיי גייען
אי צעשאָטן,
אי אין רייען,
און מאַרשירן איבער אַלע הונגער־וועגן —
קעגן, קעגן:
קולים — קעגן מענטשן — שפּינען,
קולים ווילן מער נישט דינען.

ווי די הינט — די מאַנדאַרינען
און געשפּאַנטע — צום דערשעפּן —
זיי, ווי פערד אין רישקעס שלעפּן;
קוליס ווילן זיך באַפרייען
און זיך מער נישט לאָזן שפּייען
אין דער קאַשע,
אויף די הונגער־פעלדער פון דער רייז־מדינה,
און זיי זענען אָנגעצונדן — רויטע וואָלקנס
פון אַ רויטן שטורעם איבער כינע.

תל־אביב, 1935.

מיר האָבן נאָך

מיר האָבן נאָך אַ טרייסט —
מיר האָבן נאָך אַ לאַנד,
מיר האָבן נאָך אין פינצטערניש
אַ פייער־רויטע וואַנט.
עס האָט די וואַנט אויך טויערן,
די טויערן — אַ וואַך,
אַ רויטע וואַך, און יעדער וואַכמאַן —
גלויבן האָט אַ סך.
אַ גלויבן, וואָס צינדט אָן, צעברענט,
באַלייכט, קוקט אויס און העלט
און וואַרפט אַ רויטע שיין
אויף אַלע וועגן פון דער וועלט,
און זוכט און טרייבט פון זיך
די פינצטערניש — דעם שוואַרצן פיינט,
ווי ס'טרייבט דער נאַכט — דער טאָג,
וואָס האָט אין מזרח אויפגעשיינט.

תל־אביב, 1934.

ליד צום מענטשלעכן וואָרט

וואָרט, דו וואָרט — אומשולדיק קינד,
ווי קען מען זיך מיט דיר היינט צערטלען און זיך שפּילן,
אַז שטורעם גייט נאָך שטורעם, ווינט נאָך ווינט,
און ס'פֿאַלן און צעפֿאַלן זיך אויף שטויב — געפֿילן.

וואָרט, ווי גיט מען איצט זיך אָפּ מיט דיר,
ווי קען מען האַרציקייט און וואַרעמקייט דיר שענקען,
אַז יעדער רייַנסטער וואונטש, בלייבט נאָר אויפֿן פּאַפּיר,
און דער זכרון וויל דעם צוזאָג נישט געדענקען.

וואָרט, ווי זינגט מען איצטער אויס אַ ליד
אַז ס'זאָל נישט לייב און לעב, ווי אַלץ — פֿאַרלירן,
אַז דו דאַרפֿסט זיין אַ מעסער און אַ שניט,
וואָס זאָל דאָס האַרץ פֿון מענטש, און ס'וועלט־געוויסן — רירן.

וואָרט, ווי שוואַך דו ביסט אַנטקעגן נויט,
ווי נישטיק אין פֿאַרגלייך מיט יענע מאַסן,
וואָס ווילן דו זאָלסט בלייבן פּשוט — ברויט
פֿאַר די, וואָס לערנען זיך אין נויט און הונגער — האַסן.

וואָרט, דו וואָרט — אומשולדיק קינד,
ווי קען מען זיך מיט דיר היינט צערטלען און זיך שפּילן,
אַז שטורעם גייט נאָך שטורעם, ווינט נאָך ווינט,
און ס'פֿאַלן און צעפֿאַלן זיך אויף שטויב — געפֿילן.

תל־אביב, 1933.

אַמאָל און היינט

ס'פלעגט ווערן געבוירן אַ ליד אויף דער שויס פון דער ערד,
זיך מיט זוניקע פעלדער און לאָנקעס און וועלדער — געגנערט,
געוויגט זיך מיט זעגלען אויף טייכלעך, ווי שפּיגלען אין ווינט,
און געוואַקסן אַזוי אַ צעזונגען, צעבאַלעוועט קינד,
אַ פויגל אַ פרייער אין טאָג, און אַ נאַכט־סאָלאָוויי.
אָבער היינט, אָבער היינט ווערט געבוירן אַ ליד אַט אַזוי:
אין גאַס אויפן ברוק, איבער שטיינערנעם שוואַרצן אַספאַלט,
וואו עס לאָזט דיך דער אָפּהילך פון אַלץ, אַזוי שטאָליק און קאַלט,
דערהערסטו אַזעלכע שווער־וואָגיקע, האַמעטנע טריט
פון די „גראַע", וואָס שפּאַנען אין מחנות און רייסן דיך מיט,
און גייסט מיט זיי, גייסט, ווי מען וואָלט דיך געפירט איבער טרעפּ,
און דערזעסט אומגעריכט אין דער הויך איבער אַלעמענס קעפּ
צעוויקלט זיך פלאַטערדיקס, פייערדיק רויט, איבער שוואַרץ,
און דערפילסט מיט אַמאָל, אַז עס רייסט זיך דיר אָפּ וואָס, פון האַרץ
און פאַלט צו די פיס פון די האַרטע, פאַרחושכטע טריט,
און פאַרלירסט אונטער זיי, ווי אַ קינד אַ צעטראָטנס — אַ ליד.

תל־אביב, 1935.

נישט אין שפּאַן

ווייל איך זיך נישט איינשפּאַנען אין שווערן וואָגן: וועלט,
און אומזיניק אים שלעפּן אַ געבייטשטער ווי אַ פּערד;
צו וואָס? אַז ס'וואָלט גענוג געווען מיר ערגעץ אַ געצעלט,
אַ פינטעלע אַ ווייס, אויף שוואַרצער, גרענעצלאָזער ערד.

און ערד איז דאָ פּאַר אַלדי־גוטע יאָר, פּאַר אַלעמען!
צו וואָס, נאָך וואָס דאָס שטופּעריי, צו וואָס דאָס שטויסעריי?
צו וואָס פאַרכאַפּן יענעמס און דאָס אייגענע פאַרזען,
אַז אָנקומען וועט יעדן דאָך פיר איילן סיי־ווי־סיי...

וואָס דאַרף אַ מענטש דען מערער, ווי אַ העמד פון פּראָסטן לייַן,
ווי פּראָסט און ווי געזונט עס זענען פּויערישע רייד;
אַז קוואַל־וואַסער איז ריינער און געזונטער אויך פון וויין,
און בעסער איז פון לעקעך — אייגן אויפגעגאַנגען ברויט...

איז דאָ נאָך שענערס ווי: אַנטקעגן־גיין מיט ברויט און זאַלץ
און אויסשפּרייטן ביי זיך אין צעלט אַ קאָברעץ פאַרן גאַסט?
צו וואָס דאָס שלעפּן אין דער טיפער בלאָטע ביזן האַלדז
דעם וואָגן: וועלט, מיט האַק און פּאַק פון איבעריקער לאַסט?!

אויב די פרייהייט קאָן נישט זיין דעם מענטש אַ פאָטערלאַנד,
אַ פאָטערלאַנד פאַר אַלע גלייך, צו אַלץ, צו יעדע ווערט —
איז גלייכער ס'זאָל די וועלט זיך ווי אַ וואָגן, אויסגעשפּאַנט
שוין גיין, וואָס שנעלער באַרג־אַראָפּ און — מיטן קאָפּ אָן דר'ערד.

תל־אביב, 1935.

אויף גאָטס באַראָט

כ׳האָב אויפגעהערט שוין אויפצוזען מיין סאָד,
כ׳האָב אויפגעהערט פאַראַקערן מיין פעלד,
געלאָזט מיין גוטס און האָב אויף גאָטס באַראָט
פאַרווילדן אין הפקרות פון דער וועלט . . .

ס׳איז פלויט שוין נישט קיין פלויט און צוים קיין צוים,
עס האָט זיי לאַנג דער הפקר־מענטש צעשטערט,
דער ווינט נאָר רייסט די פּירות פונעם בוים
און קלויבט די פולע זאַנגען פון דער ערד . . .

נישטאָ, נישטאָ די פולע, ברייטע האַנט
פון שניטער, און זיין פריידיקער פאַרמעסט,
אַז ס׳איז די פרייד נישטאָ אין קיינעמס לאַנד,
אַז ס׳איז די רו נישטאָ אין קיינעמס נעסט . . .

איז וואָס שוין, וואָס, דער פויגלשער געזאַנג,
ווען ס׳ווערט פון דונערן צעשטויבט — גראַניט,
און בלוטיק, בלוטיק־רויט איז, דער פאַרגאַנג
פון אומקום, דורך דער האַנט פון ברידער־שניט.

צו וואָס דער ליבער פלייס, די גוטע מי,
אַז — שלעכטע האָבן שלעכט און שלעכטס געזייט,
און ס׳וואַלגערט זיך דאָס גוטס שוין ביז די קני
אין בראָכוואַרג פון פאַרוויסטונג און פון טויט.

כ׳האָב אויפגעהערט שוין אויפצוזען מיין סאָד,
כ׳האָב אויפגעהערט פאַראַקערן מיין פעלד,
געלאָזט מיין גוטס און האָב אויף גאָטס באַראָט
פאַרווילדן אין הפקרות פון דער וועלט . . .

וואַרשע, 1932.

די לעצטע

ס'איז וואָר, ס'איז, ברידער, וואָר —
מיר זענען שוין די שקיעה,
דאָס איז קלאָר;
מיר זענען שוין די לעצטע, לעצטע רייען,
וואָס פאַרלאָזן ווי די זעלנער די טראַנשייען
פון דער נאַכט,
און גרייטן צו די לעצטע שלאַכט
צום רויטן אויפגאַנג פון אַ דור,
וואָס וועט נישט ווערן אַלט און גראָ
ווי מיר — ביי פינף און צוואַנציק יאָר.

וואַרשע, 1935.

איינער פון די לעצטע

כ׳בין איינער פון די לעצטע טרובאַדורן,
וואָס גייען אין אַ שטורעם־צייט אַוועק;
ס׳פאַרווישט דער ווינט מיט זאַמד שוין אויך די שפּורן
פון מיינע לעצטע זינגענדיקע טעג.

איך ווייס, אַז היינט איז נישט קיין צייט אויף שירה,
קיין צייט נישט אויף התבודדות־געזאַנג;
ווער הערט אַ יחיד אויף זיין צאַרטער לירע —
ווען שטורעם טראָגט דעם אויף און אונטערגאַנג?

מיר קומט אַנטקעגן שוין אַ דור, אַ נייער
און נייע זינגער, נישט אויף קלאָג און וויי,
און כאָטש כ׳בין נאָך נישט אַלט — נאָר פאַרן פייער
פאַר זיי׳רן — מוז איך אָפּטרעטן פאַר זיי.

און כאָטש כ׳האָב אויך ווי זיי, נישט לאַנג געזונגען
אַ קאַמף־ליד ווי אַ רוף צו אַלע קנעכט,
האָב איך אַליין דאָס ליד דערנאָך פאַרקלונגען
מיט מיינע סערענאַדעס אין די נעכט;

האָב איך אַליין די בלאָקייט אין די אויגן
געטראָגן, ווי אַ חלום דורך דער גאַס,
וואו ס׳האָבן זיך פאַרחושכטע געצויגן
פאַרביטערטע, פאַרגאַליקטע פון האַס.

און האָבן מיט די בליקן ווי מיט שפּיזן,
מיט חשד, אויך וועלפיש דורכגענומען מיך,
און מיטן פינגער פיינטלעך אָנגעוויזן:
— אָט גייט ער, דער פּאָעט, וואָס זעט נאָר — זיך;

— אָט גייט דער לעצטער פון די טרובאַדורן,
וואָס גייען אין אַ שטורעם־צייט, אַוועק;
ס׳פאַרווישט דער ווינט מיט זאַמד שוין אויך די שפּורן
פון מיינע לעצטע, זינגענדיקע טעג.

תל־אביב, 1933.

אויפגעהויבן

האָבן זיך מיר אויפגעהויבן פאַר די אויגן
מיינע זיבן בלאָע חלום־שלייערן,
און ס'ציט מיך נישט צום טויער פונעם רעגן־בויגן,
נאָר אין נאַכט — צו ווייטע, רויטע פייערן.

כ'האָב דערזען די וואָר, די נישט געזעענע,
די וואָר באַהאַלטן אונטער זיבן שלעסער —
נאַקעט, שאַרף, און שטאָליק —
ווי אַ מעסער.

האָב איך אויפגעשוידערט, האָב איך אויפגעציטערט,
און דערנאָך — דערנאָך, זיך אויסגעניכטערט,
אויסגעניכטערט אויך אין מיינע לידער,
וואָס איך האָב מיט פרייד און ווייען אויסגעדיכטעט.

איצטער טראָג איך נאָכוויי נאָך געזאַנגען,
וואָס כ'האָב אויסגעטראָגן און צעטראָגן,
איצטער זענען זיי מיין גאָלדן בלעטער־פאַל,
וואָס האַרבסט־ווינט האָט זיך ליב נאָך זיי צו יאָגן.

איצטער זענען זיי מיר פרעמד, נישט אייגן,
איצטער קלינגען זיי מיר ווייט, דערוויטערט,
ווי איך וואָלט זיך קיינמאָל, נישט געווען דורך זיי
דערהויבן און געלייטערט.

ס'האָבן זיך מיר אויפגעהויבן פאַר די אויגן
מיינע זיבן בלאָע חלום־שלייערן,
און ס'ציט מיך נישט צום טויער פונעם רעגן־בויגן,
נאָר אין נאַכט — צו ווייטע, רויטע פייערן.

תל־אביב, 1934.

נישט ביי זיך . . .

כ׳בין לאַנג שוין נישט ביי זיך, און כ׳זינג שוין לאַנג נישט ווי איך וויל,
כ׳בין שוין לאַנג, לאַנג אין דינסט אויך מיט מיין דיכטעריש געפיל,
כ׳געהער צו אַ פאַרחושכטער גערעכטיקייטס-אַרמיי,
וואָס טראָגט די שוואַרצע לאַסט אַרויס אין קאַמפּס-פעלד, ריי נאָך ריי.

כ׳בין לאַנג שוין נישט ביי זיך, און כ׳זינג שוין לאַנג נישט ווי איך וויל,
ס׳איז לאַנג אין מיין געזאַנג שוין נישט דאָס זינגען בלויז דער ציל.
מיין פעדער איז אַ ביקס היינט, און אַ קויל איז היינט מיין וואָרט,
וואָס כ׳האָב ביז איצט געצערטלט און געוואַרעמט און געשפּאָרט.

כ׳בין לאַנג שוין נישט ביי זיך, און כ׳זינג שוין לאַנג נישט ווי איך וויל,
כ׳האָב לאַנג שוין אויפגעהערט צו שיקן תפילות אין דער שטיל.
דאָס שרייען פון מיליאָנען הונגעריקע מיילער: ברויט!
איז שטאַרקער, נישט פון אייזן, נאָר, אויך שטאַרקער פונעם טויט.

חדרה, 1934.

ליד פון שטורעם

האָט אַ שטורעם אויפגעריסן טיר און טויער פון דער וועלט
און ווי פון דונערן — צעטרייסלט יעדנס הויז
פון פונדאַמענט ;
איז וואָס־זשע פאַר אַ ווערט האָט אין אַ שטורעם
ערגעץ אַ געצעלט,
וואָס שטייט אין איינזאַמקייט
צו יעדער ווייטקייט, יעדן וועג געווענדט,
און פלאַטערט ווי דאָס זעגל־לייוונט
אויפגעצויגן אויפן מאַסט,
וואָס קרעכצט פון מינדסטן ווינט־באַריר
ווי פון דער שווערסטער לאַסט.

— — — — — — — — — — — —

האָט שטורעם מיר צערוקט די דלד־אמות־ווענט,
געלאָזט מיך אָן אַ דאַך,
אַרויסגעריסן מיר די לירע פון די הענט
און זי געטאָן אַ שליידער אויפן ווינט :
— גיי שפיל אַצינד,
גיי זינג אַצינד דיין יחוד־ליד —
ווען הוראַגאַנען רייסן אויס,
און רייסן מיט,
מיט שוואַרצע טריט,
מיט רויטע טריט,
צעוויקלען פעלד נאָך פעלד
פאַר שלאַכט נאָך שלאַכט,
פאַר — אויסגאַנג פונעם טאָג.
פאַר — אויסגאַנג פון דער נאַכט.

און יאָרן שוין, ווי כ׳האָב דאָס היימישע פּאַרלאָזט,
אַוועק, צי כ׳האָב געוואָלט, צי נישט —
געשטויסן ווי מיט הענט פון זיבן ווינטן,
וועלכע זענען נאָכגעגאַנגען מיר פון הינטן
און די שפּורן פון די טריט מיינע — פאַרווישט
מיט אַש און שטויב פון בראַנד,
פון רייסן בריק נאָך בריק,
און נאָכגעוואָיעט מיר:
— נישטאָ שוין קיין צוריק!!!

. . . און יאָרן — אויפגאַנג,
יאָרן — אונטערגאַנג,
געראַנגל פון יחידים און מיליאָנען —
זינג איך דאָס מיליאָניקע געזאַנג
פון רויטע באַטאַליאָנען;
זינג איך וועגן בונט און בלוט און פייער —
ווייל עס איז מיר יעדנס לעבן טייער,
ווי מיין אייגן לעבן — —
נישט צום אונטעריאָכן,
נישט צום אונטערגעבן.

תל־אביב, 1935.

פון טאָג אין נאַכט

ווי אַ זעלנער נאָך אַ הייסער שלאַכט —
פֿאַל איך מיט פֿאַרויכערטע, פֿאַרבלוטיטע אויגן צוויי,
אַריין פון טאָג אין נאַכט
ווי אין אַ פֿינצטערן טראַנשיי . . .

אין חושך ברענט די אייטערדיקע וואונד,
און ס'לאָזן מיך נישט שלאָפֿן דורשט און נויט,
ביז — כ'זע אין אויפגאַנג פון דער האַלבער זון,
ווי פון אַן אויוון — ס'ערשטע לעבל ברויט . . .

און טאָג נאָך טאָג אַזוי, און נאַכט נאָך נאַכט
ווי — כ'שטיי שוין לאַנגע, שווערע פולע יאָר,
אַן אומבאַקאַנטער זעלנער אין דער שלאַכט
פֿאַר זיך, און פֿאַר די ברידער פון מיין דור . . .

וואַרשע, 1932.

שרייב איך נישט

שרייב איך נישט קיין בריוו צו טאַטע־מאַמען,
וואָס אַ שטייגער, האָב איך זיי צו שרייבן? —
אַז כ׳פאַרנעם זיך אַלץ מיט מאַכן גראַמען,
און ווייזט אויס — ביי דעם אַ „מסחר" — בלייבן?!...

שרייבן זיי, וואָס כ׳האָב פאַר מיינע לידער,
וואָס איך דרוק אין אַלערליי „גאַזעטן"
מיט אַ סך ווי איך — אַזעלכע ברידער —
פריילעכע און טרויריקע פּאָעטן.

וועלן זיי פאַרשטיין דען און מיר גלויבן,
ווען איך וועל, למשל, זיי דערקלערן,
אַז ס׳איז גלייכער גזלנען און רויבן,
איידער לאָזן זיך מיט לידער הערן!

איידער מוזן לעבן פון געפילן,
וואָס מען לייטערט אינעם איבערלעבן;
אַז מען מוז אויך פאַרן טיוול שפּילן — —
קאָן איך דען אַזוינס פאַרשטיין זיי געבן?!

וועלן זיי פאַרשטיין אַזוינס ווי: דיכטן,
איבערוואַונדן, בלוטיקן און שאַפן,
און אַ זינגער זיין פאַר יענע שיכטן,
וואָס מען האָט באַרויבט, געמאַכט פאַר שקלאַפן!

ווייסן זיי, וואָס מיר איז נאָענט און טייער,
אַז איך האָב מיט שקלאַפן זיך פאַרבונדן,
וויל איך טראָג, ווי זיי, אין האַרץ אַ פייער,
וואָס איז גרייט אַ וועלט כאַטש אונטערצינדן; —

וויל עס קאָן נישט, טאָר אַזוי נישט בלייבן,
ס׳מוז צעפוילטקייט גיין מיט רויך פון פלאַמען;
וועלן זיי פאַרשטיין דען אַזאַ שרייבן? —
שרייב איך נישט קיין בריוו צו טאַטע־מאַמען.

תל־אביב, 1935.

פון זיך אַליין

כ׳האָב ליב אַ ליד, אַ ליד אַ שטילס, און זינג אַליין אויך שטיל
ווי שטיל עס איז אַ טיף און שווער־פאַרטרווילעכער געפיל,
וואָס זינגט זיך און דערציילט זיך מיט אַ ציטער פאַר דער וואָר,
און קלינגט ווי אויף אַ טשעללאָ אַן עלעגיע אין מינאָר.
כ׳האָב ליב . . . נאָר לעצטנס, ווי איך הויב אַ ליד אַזוי נאָר אָן —
דערכאַפּ איך נישט ווי ס׳הויבט זיך אויף פון זיך אַליין, דער טאָן,
און שטייגט, ווי ביי אַ פיבער־קראַנקן שטייגט די היץ ביינאַכט,
צעזינגט ער זיך און זינגט אַ ליד אין פיבער אויפגעוואַכט,
און אַט אַזוי — דערקען איך נישט אַליין מיין אייגן קול,
ס׳געזאַנג מיינס קומט און וואַקסט אַרויס ווי פון אַ טיפן טאָל
און שלאָגט זיך אָן, אַן פעלדזן־ווענט פון גראָער, האַרטער וואָר,
און ווערט צעשלאָגן בלוטיק רויט, ווי ס׳איז דער פרייהייטס־דור,
וואָס האַמערט, קלאַפּט אין אַלע שוואַרצע טויערן פון דער וועלט,
און קלאַפּט אויך אָן צו מיר אין האַרץ, ווי כ׳וואָלט אים אויסגעפעלט,
און וועקט מיך, וועקט מיך אויף ווי פון אַ לאַנגן הינער־פּלעט:
— גענוג דאָרט, זיך פאַרגאַנגען ביחידות אין געבעט!
— גענוג געזונגען פאַר דער אויסגעטראַכטער הייליקייט!
זאָל בעסער זיין דאָס ליד דיינס אונדזער טעגלעך, נויטיק ברויט,
דער בוימל צו די רעדער פון מאַשינען, און דער דאַמף
און פייער, אונדז צעשטייער, אויף צו טראָגן עס אין קאַמף.

תל־אביב, 1934.

מיין ליד פון היינט

ווי מען גליט און שמידט אַן אײַזן —
גלי איך, שמיד איך היינט מיין ליד,
און איך שאַרף עס ווי דער שניטער
שאַרפט די קאָסע פאַרן שניט . . .

ס'לאָזן מיך די אַרבעטס־מענטשן
נישט צו רו, זיי האָבן ליב,
אַז מען זינגט פון זיי'רע בויטן,
און זיי מאָנען: גיב אונדז, גיב!

— גיב, פאָעט, אַ שטאַרקס, אַ מעכטיקס,
ווי דער אמת אונדזער, איז,
זאָל עס מונטערן און וועקן,
שטעלן שוואַכע אויף די פיס.

נעם ביים שמיד פון בלאָז־זאַק — פייער,
פון זיין האַמער, נעם דעם קלאַנג,
און עקשנות, זיך אין שונא
איינצובייסן — פון דער צואַנג.

און דעם ריטם — אַרבעטס־ריטם,
פרייהייטס־ריטם, ווי פון טריט, —
ווען מיר שפּאַנען הייס צעשפּאַרטע,
און מיר רייסן שטיינער מיט.

תל־אביב, 1935.

אַ דיכטער — אַ שמיד

אַז אַ דיכטער דאַרף זיין היינט אַ שמיד
און אַן אײַזן אַ גליאיקס — אַ ליד —
הויב איך אויף ווי אַ האַמער דאָס קול,
ס'זאָל אַ פאַל־טאָן דאָס וואָרט ווי אויף שטאָל
און אַ זעץ־טאָן מיט קראַפט און מיט וואָג
ווי ביינאַכט אין אַ שריפה — דער גלאָק,
און אַ קלינג־טאָן מיט ברען און מיט גלי,
און אַ זינג־טאָן מיט פייער פאַר די,
וועלכע האָבן די פרייהייט געשפאַנט
מיט אַ רויבעריש בלוטיקער האַנט,
וואָס איז שווער, אַזוי בלייאיק און שוואַרץ,
און זי דריקט ווי אַ פוס אויפן האַרץ.

ירושלים, 1935.

באַשערט...

באַשערט איז מיר, אַ ליריקער, צו זינגען פאַר אַ דור,
וואָס דאַרף צום וויניקסטן — געזאַנג לשם געזאַנג,
צום וויניקסטן, דאָס יחיד־ליד, און שטענדיק: מאָסן־כאָר,
און כאָר פון זעלנער אין מלחמה־הפקרדיקן גאַנג. —

דערפאַר, דערקען איך אָפטמאָל נישט דאָס קול מיינס אין מיין ליד,
ווי ס'וואָלט מיט נישט מיין קול געשריגן: הערט מיך, הערט!
— איך וויל מיט די מתבודדים נישט בלייבן, איך גיי מיט
דעם גאַנג פון די, וואָס זיי איז שווערערס נאָך פון מיר באַשערט.

איך שריי, נאָר ס'שרייט די צייט מיך איבער, און איך הער
זיך קוים
אין גאַנג מיט די אחריותדיקע פונעם דור: —
מיט די, וואָס ווילן אויסשפאַנען דעם מענטש פון שפּאַן און צוים,
און ווייזן אים ביינאַכט דעם וועג צום ליכטיקן קאַיאָר.

תל־אביב, 1941.

מיין פאָטערלאַנד

מיין פאָטערלאַנד איז דאָרט וואו מענטש איז פריי
און פרייוויליק — דער שטייער וואָס ער גיט
צום טאָג פון רויטן יום־טוב: ערשטער מאַי —
געפייערט ווי דאָס אייזן ביי דעם שמיד.

און גרויס וויל איך זאָל זיין מיין פאָטערלאַנד,
ווי גרויס עס איז די ליבע מאַמע־ערד;
אין אים נאָר וואָלט איך גרייט זיך איינגעשפּאַנט
צו גיין ווי נאָך אַן אַקער מיט אַ פערד.

אין אים נאָר וואָלט איך מקריב־זיין געקענט
דאָס לעבן מיינס, וואָס גייט מיט ווינט אוועק,
און וואָלטן נישט געדינט מיר מיינע הענט
איז: ס׳זינגענדיקע האַרץ מיינס, מיין פאַרמעג.

און כ׳וואָלט מיט נייעם מוט און נייער קראַפט
געוואָלט אין אים אַ נייער זינגער זיין,
אַ זינגער, וואָס איז קיינעם נישט פאַרשקלאַפט
און זינגט זיין ליד אין אייביקייט אַריין.

מיין פאָטערלאַנד איז דאָרט, וואו מענטש איז פריי
און פרייוויליק — דער שטייער וואָס ער גיט;
נאָר דאָרטן איז אַ זינגער זיין כדאַי —
וואו שטאַרק וואַקסט אויס אין פרייהייט אויך דאָס ליד.

תל־אביב, 1934.

ליד פון באַעוולטע

ווי אַלט עס זאָל נישט קלינגען שוין דאָס ליד פון די באַעוולטע,
וואָס טראָגן הויך די רויטע פאָן
אַנטקעגן שוואַרצן אויבן־אָן,
און ווילן פרייהייט,
ווילן ברויט,
און קריגן — בליי
און קריגן — שרויט: —
דאָך זינג איך ס'אַלטע ליד אויפסניי,
און ווידער גראַם איך, ש ל ע כ ט
מיט — ק נ ע כ ט,
און ווידער גראַם איך ר י י ד
מיט ג ל י י ך,
און כ'הער נישט אויף צו מאָנען
פאַר מיליאָנען,
ווי פאַר זיך אַליין,
און כ'הער נישט אויף צו דראָען מיט דער האַרטער פויסט,
ווי מיט אַ שטיין,
און — פאָדערן פאַר זיך
און פאַרן קומענדיקן דור,
און שיקן אָט אַ וועלט אַזאַ, צו אַלדי שוואַרצע יאָר...

וואַרשע, 1931.

עס זינגט זיך נישט

עס זינגט זיך נישט, ברידער, עס זינגט זיך נישט, ברידער,
עס איז נישט די צייט היינט, די צייט נישט אויף לידער,
עס הערט זיי נישט קיינער, און ס'דאַרף זיי נישט קיינער
פון די, וועמענס טעג זענען שטיינער בלויז, שטיינער,
וואָס ליגן ביינאַכט אונטער זייער צוקאָפּנס —
ווען סחלשט זיך שלאָפן, ווי דורשט לעכצט נאָך טראָפּנס.
ווען הונגער ליגט וואַך ווי אַ קראַנקער אין פיבער
און ציילט די מינוטן — די נאַכט זאָל אַריבער,
און ס'ברענען די אויגן און רויט זעט ער שטערן,
און וואַרט, אַז אין פענצטער זאָל ליכטיק שוין ווערן...

עס זינגט זיך נישט ברידער, עס זינגט זיך נישט ברידער —
ווען ס'לאָזט זיך אַ זינגער אַראָפּ אין דער נידער
פון וואַנען די נויט טראָגט אַרויס דאָס געשריי אירס:
— ס'איז אונדזער, ס'איז אונדזער, וואָס איר האַלט פאַר אייערס!
ס'איז אונדזער עשירות, ס'איז אונדזער פאַרמעגן,
וואָס איר האָט געגזלט אויף פינצטערע וועגן,
און ס'וועט דאָס געשריי פון דער נויט אייך פאַרטויבן
און וואַרפן די שטיינער צו אייך אין די שויבן,
וואָס וועלן צעזעצט, מיט געבראַזג זיך צעשפּרינגען.
— — — — — — — — — — — —
אַזאַ דאַרף דאָס ליד זיין, אַזוי דאַרף מען זינגען.

וואַרשע, 1931.

צו די פּאָעטן פון נויט

גענוג,
גענוג, פּאָעטן, שילדערן די נויט!
ווער ס'האָט מיט איר געהויזט — דער קען זי גוט;
ווער ס'האָט אין שלאָף געחלומט וועגן ברויט,
געשלינגען שפּייעכץ
און געשפּיגן בלוט —
דער קען זי גוט.
און דער, ווער ס'האָט זי קיינמאָל נישט געהאָט
און ז'איז אים אויך פון חלום נישט באַקאַנט,
אָט דעם, וואָס ס'לעבן איז אים לייכט
און שווער — די האַנט,
און ס'אויער טויב פאַר הונגעריק געוויין
און האָט אַ האַרץ — אַ שטיין
אין שמאַלץ
און ליידט אויף אַלץ,
פון האָבן אַלץ צו וויניק פאַר זיין שוואַרצן אַפּעטיט —
פאַר דעם איז, דיכטער, נישט כדאַי
צו שילדערן דעם גרויל פון הונגער, אין אַ ליד —
אַזאַ דאַרף זען אַ הונגער־מאַרש,
וואָס רייסט אַרויס די שטיינער מיט די טריט.

תל־אביב, 1935.

אין רויטן מאַרש

ווען ס'ציען ווי די זעלנער מיינע ברידער,
מיט געזאַנגען, ווי מלחמה־לידער
אויפן וועג צום פראָנט,
און זייער יעדעס ליד, איז ווי אַ רוף,
וואָס וועקט און מאָנט
און דראָט
אי שטאָט,
אי דאָרף —
צו טאָן זיך ווי די הונגעריקע וועלף
אויף זיי אַ וואָרף; —
ווי זיצט דאָן אַ פּאָעט אין זיינע דלד־אמות,
ווי אַ באַלעבאַטיש קינד, אַ טאַטע־מאַמעס,
מיט אַ פרידלעך, שטיל און רואיק זמרל,
ווי, ביי אַ שלוש־סעדות־טיש אַ זאָטן —
ווען אין דרויסן, אומרואיק, צעזונגען —
שפּאַנען מחנות יאַטן,
דעמאָנסטרירן יונגען
אומצופרידענע,
אַנטשידענע,
פון אין באַפרייאונגס־ווילן נאָר, געלאָזט זיך פירן,
און — מאַרשירן און — מאַרשירן
און — מאַרשירן ערגעץ אָפּ,
צום קאַמף נאָך גוטס און האָב
פאַר אַלע גלייך,
און ס'טיקן זיך און שווימען קעפּ, ווי אין אַ רויטן ים
פון פלאַטערדיקע פענער,
און ס'איז יעדע פאָן — אַ פייערדיקע צונג, אַ פלאַם; —
ווי זינגט מען דאָן אַזוי זיך, סתם
פון אייגענעם געמיט —
אַ ליד,
וואָס ווערט דאָן ווי אַ קינד צעטראָטן מיט די פיס,
אין רויטן מאַרש פון שווערע, האַרטע טריט.

תל־אביב, 1935.

נישט כדאַי

נישט כדאַי איז, ברידער־דיכטער, נישט כדאַי,
צו זיין אַ פיין־זינגער, אַ שיין־זינגער
אין אונדזער צייט —
ווען אונדזער יעדעס ליד דאַרף זיין אַ שפּיי
אין פּנים, דער צעפּוילטער וועלט
מיט יענע לייט,
וואָס זענען אויסער פאַרן קלאַנג פון געלט —
ווי טויב,
און זיצן ווי די קראָען אויבן אָן,
און לעבן באַר פון טיילן זיך מיט רויב,
און פּראַווען שוואַרצע סעודות
אויפן חשבון פונעם „פּלעבס"
און ווינטשן צום געזונט זיך
ביי אַ חזרישן גרעבס . . .

נישט כדאַי איז, ברידער־דיכטער, נישט כדאַי,
צו זינגען סתם אַזוי זיך,
ווי דער פויגל — מאַי —
אַז ס'איז די וועלט שוין אויך נישט פאַרן פויגל פריי —
איז נישט כדאַי,
דער ריינער, ציטערדיקער קלאַנג,
פון אָט אַזאַ מין בלאָ געזאַנג
פון האַרץ,
אַז — ס'דאַרף אַ ליד היינט, רויט זיין, רויט
ווי רויט אויף שוואַרץ,
אַז — ס'דאַרף אַ ליד היינט, ברויט זיין, ברויט,
אַז — ס'דאַרף אַ ליד היינט זיין אַ שטיין
געשליידערט און געפאַלן פון המון,
אין פענצטער פונעם שוואַרצן אויבן אָן ; —
זאָל זיין דאָס ליד אין פּנים זיי אַ שפּיי,
ס'איז אַנדערש — נישט כדאַי.

תל־אביב, 1935.

אין טאָג פון משפּט

אין טאָג פון רויטן משפּט —
ווען מען וועט די וועלט, די פּאָדלע, פאַר די האָר
אַ כאַפּ־טאָן, און צו אַלדי שוואַרצע יאָר
צום רויטן טריבונאַל זי שלעפּן, —
זאָל מען זי נישט קעפּן, ניין, נישט קעפּן
אַ פאַרמשפּטע צום טויט,
נאָר נאַקעט, אַ געבונדענע
געפירט פון שופטס האַנט —
זי שטעלן צו דער רויטער וואַנט,
אַז ס'זאָלן דורות טיף באַליידיקטע, פאַרפּייניקטע,
פאַרשקלאַפטע און באַפרייטע שוין — געפּייניקטע
פאַר איר פאַרביימאַרשירן —
איינציקוויז אין פּרצוף איר צו טאָן אַ שפּיי,
אַ שפּיי מיט קלעק ווי בליי
פון לאַנגע, שווערע יאָרן,
און דערטרענקען זי אַזוי
אין דורות צאָרן.

תל־אביב, 1935.

צום טויט פון אנרי באַרביס

לאָזט אויף העלפט אַראָפּ די רויטע פּענער!
ס׳האָט אַ ליכט זיך אויסגעלאָשן אויף אַ טורעם,
אויסגעלאָשן זיך אין סאַמע גרעסטן שטורעם
פון דער וועלט.

עס זענען ווייניק לייכט־טורעמס פאַראַנען
קעגן בייזן, שוואַרצן ווינט געשטעלט,
ווי דער — פון שטורעם אויסגעוואַקסן — איז געשטאַנען
אויפן שטורעם־פעלד,
און אין דער פינצטער זיך געריסן
צו די גלעקער פון געוויסן,
און געגעבן „פייער״
פון געלייטערטן און האַרץ־צעגליטן וואָרט,
געגעבן „פייער״ קעגן פייער
פונעם בלוטיקן און אומזיניקן ברידער־מאָרד.

האָט אויסגעלאָשן זיך אַ ליכט איצט אויף אַ טורעם,
אויסגעלאָשן זיך אין סאַמע גרעסטן שטורעם:
לאָזט אויף העלפט אַראָפּ די רויטע פּענער!

תל־אביב, 1935.

מיט וואָרט און קלאַנג

ווי אַ זעלנער בענקט אַהיים פון פראָנט
און בעט, אַז ס'זאָל אַ סוף נעמען דער קריג שוין אין־דער־גיך —
אַזוי־אַ בענק איך אָפּט צוריק צו זיך,
פון וואַנען כ'בין אַוועק שוין לאַנג,
אַוועק, צוזאַמען מיט אַ סך ווי איך און בישט ווי איך —
אַ זעלנער מיטן וואָרט און קלאַנג,
אַ זעלנער מיט דער פען, —
אַוועק מיט קעמפער אָנגעגורטע,
מיט אַ רויער קראַפט און ברען
פון כעס
און האַס,
געקליבן און געזאַמלט אין דער גאַס
פון נויט, —
די גאַס, וואו אין די שטובן ליכטיק ווערט,
ווען ס'קומט אַריין אַ ברויט . . .

תל־אביב, 1936.

ר ו י ט

רויט —
איז דאָס קלייד
פון מיין מוזע,ביים היינטיקן טאָג,
ווען עס קלינגט אָן אַן אויפהער דער גלאָק,
וואָס זאָגט אָן אויף געפאַר,
אויף בהלה און קלאָג,
און אויף בונט פונעם קנעכט קעגן האַר.

רויט —
איז דאָס קלייד פון מיין מוזע,
וואָס שלאָפט נישט קיין נעכט
און טראַכט וועגן די,
וועמענס לעבן ס'איז ערגער פון שלעכט;
און טראַכט וועגן די,
וועלכע זענען, ווי קינדער גערעכט,
ווען זיי ווילן נישט וויסן,
וואָס הייסט, אַז נישטאָ איז קיין ברויט
פאַר די, וועלכע האָבן געאַקערט,
פאַר די, וועלכע האָבן געזייט;
פאַר די, וועלכע גרייטן דאָס עסן
און אויכעט דעם טיש פון דער וועלט;
וואָס הייסט עס, אַז ס'האָט אין־דער־קיך
פאַר די קיכער נאָר, עסן פאַרפעלט!
און — רויט
איז דאָס קלייד
פון מיין מוזע . . .

תל־אביב, 1936.

צו די לבנה-זינגער

מיר גייען זיך פונאַנדער —
פייגל־פריי־צעזונגענע פּאָעטן,
וועלכע חנדלען זיך מיט לידער,
ווי אַ פרוי, וואָס האָט הנאה
פון אַליין זיך גלעטן
ס'לייב, מיט אירע פּיין־געטאָקטע גלידער . . .

איז אַזאַ הנאה מיר דערווידער —
גיי איך מיך פונאַנדער מיט די ברידער —
די לבנה־זינגער,
וועלכע גייען, ווי לונאַטיקער אַרום אויף דר'ערד
און זעען אין אַ בלאַנקער שווערד —
דעם בליץ, און נישט — די שאַרף;
און הערן נאָר איר ריינעם קלאַנג
און נישט — דעם שניט;
און יעדע וואונד איז זיי — געזאַנג,
געפּאַרעמט אין אַ ליד;
און בלוט, דערמאַנט זיי נאָר אָן רויטן וויין
און שקיעה־שיין.
איז — גיי איך מיך מיט זיי פונאַנדער, ווי די וועגן,
און כ'בין קעגן —
קעגן זיי און זייער ליד,
וואָס גייט נישט מיט
אין מאַרש אין רויטן,
מאַרש, וואָס קלינגט, מיט: רייסן זיך פון קייטן.

תל־אביב, 1936.

פּ אַ ט ר י אַ

פּאַטריאַ, פּאַטריאַ!
ס׳לעבן איז נישט אַט אַזוי ווי דיר גייט זיך איצט,
נישט אַזוי ניחא און ליב, ווי עס פּרייט זיך איצט,
ס׳לעבן איז נישט אַזוי פריי, ווי עס דאַכט זיך דאָ,
נישט אַזוי זאָרגלאָז און לייכט, ווי עס לאַכט זיך דאָ;
ס׳לעבן איז נישט ווי דער ימאיקער צויבערפלאַך,
נישט ווי זיין אויבערפלאַך
איבער דער טיף,
און נישט ווי אין ערשטן און צווייטן קלאַס — אויבן,
נאָר מער אין די אונטערשטע קלאַסן פון שיף;
נאָר אונטן, נאָר אונטן, צוקאָפּנס דעם קעסל,
וואו ס׳אָטעמט די אָרעמקייט שווער און געדיכט —
פּאָרט מיט, מיט די הינטישע לעבנס, דער א מ ת,
און איך — דער פּאָעט, פאַר דעם אונטערשטן שיכט.

אויף דער שיף „פּאַטריאַ״, נאָוועמבער, 1937.

פּאַסאַזשירן פערטע קלאַס

— מיר פאָרן פערטע קלאַס
ווייל ס׳איז קיין פינפטע קלאַס נישטאָ, —
וויצלען זיך און טרייבן שפּאַס
די פּאַסאַזשירן אויפן דנאָ
פון שיף.

— מיר ליגן טאָקע טיף
און חזיריש, און עסן נישט צו זעט, —
מיר זענען אָבער אויך נישט אַבי ווער און וואָס —
אָט פאָרט מיט אונדז אַ שרייבער, אַ פּאָעט,
ווייזט אויס: אַן אייגענער, פון זעלבן שטאַנד,
טאָ זאָל ער זיין באַגריסט אין אונדזער מיט,
און זאָל ער אונדז באַשרייבן דאָ
און פאָרליינען ספּעציעל פאַר אונדז אַ ליד.

(דאָס מיינט מען מיך, און כ׳לאָז זיך לאַנג נישט בעטן)
פונדערהויך, פון ערשטן, צווייטן קלאַס,
דערטראָגן קלאַנגען זיך פון דזשאַז
צו טענץ פון שאַנד און שונד,
און אונטן — אונטן שטיי איך, און איך ליין
פאַר פּאַסאַזשירן פערטע קלאַס —
אַ ליד פון האַס
און בונט:
און אוי׳רן זענען אויפגעשפּיצט,
און אויגן — אויפגעבליצט
און ווי אַנטצינדן — רויט,
און ברוסטן הייבן זיך ביים אָטעמען, ווי ים־כוואַליעס,
וואָס זענען ווען, אויף אומגעהויערס גרייט.

פּאַריז, 1937.

פון סעוויליע ביז גראַנאַדע

פון סעוויליע ביז גראַנאַדע,
וואו אין שטילקייט פון די נעכט
קלינגען פלעגט די סערענאַדע,
און אַ ריטערלעך געפעכט —

קלינגען איצטער נייע לידער
(נישט ראָמעאָ־יוליאַדיק),
ברידער גייען קעגן ברידער
און עס פלאַקערט: בירגערקריג.

קאַמף פון כוחות שוואַרצע, רויטע,
קאַמף צווישן טאָג מיט נאַכט —
אין די גאַסן, איבער פעלדער,
פעלדער, בערג און טאָלן — שלאַכט.

שפּאַניע ברענט און האַלט אין פיבער
פון אַ שפּאַנונג גאַר די וועלט —
ס'זאָל דאָס פייער נישט אַריבער
און פאַרכאַפּן יעדנס פעלד.

וואָס פון לאַנג איז צוגעגרייט שוין,
צוגעגרייט צום לעצטן שניט:
פעלד, אויף וועלכן ס'וואַרט דער טויט שוין
אויף דעם שוואַרצן שניטערס טריט.

און דער שניטער גייט און — ס'גייען
אים אַנטקעגן — קאָנטראַ שוואַרץ —
רויטע, רויטע, רויטע רייען
און צווישן זיי — מיין האַרץ;

ווי עס וואָלט מיט רויטע פאָנען
זיך צעפלאַטערט אין געגיי,
קיין מאַדריד און באַרצעלאָנאַ,
און ווי אומעטום — מיט זיי.

תל־אביב, 1936.

דער וואָלונטיר

טעג, שוין לאַנגע טעג, ווי איך באַגלייט
אַ וואָלונטיר צו שפּאַניעס פראָנט דעם רויטן;
כ'הער נאָך איצט, ווי ער געזעגנט זיך
און שלאָגט, ווי מיט אַ האַמער איבער קייטן:
— כ'פאָר חברים, אויפן פראָנט דעם רויטן —
העלפן מיינע ברידער,
העלפן מיינע שוועסטער, —
שפּאַניעס בעסטע זין און טעכטער —
פרייהייט־קעמפער,
פרייהייט־וועכטער
ביי די טויערן פון מאַדריד,
וואו ס'וועט זיך אָפּשפּילן, קען זיין, די לעצטע שלאַכט
פאַר מיר, פאַר אייך, פאַר אונדז —
פאַר די, וואָס האָבן אינדערפינצטער זיי באַוואַכט,
מיט ליכט פון גלויבן אין גערעכטן זיג...
נו, זייט געזונט! —

און — ס'איז אַוועק דער וואָלונטיר אין קריג
אויף שפּאַניעס פראָנט דעם רויטן,
און עס קלינגען מיר, ביז איצט נאָך, זיינע רייד,
ווי רינגען פון צעפּאַלנדיקע קייטן.

פּאַריז, 1937.

ליד צו מאַדריד

פּאַריז, דו רייצנדיקע וועלט־פרוי,
דו, וואָס רייסט אַזוי אין לייכטזין מיט —
כ׳באַטרעט דאָס ערשטע מאָל איצט דיינע גאַסן
און — פאַרנומען בין איך מיט מאַדריד.

מאַדריד, מאַדריד — וואָס הערט זיך אין מאַדריד איצט?
פרעג איך יעדע שעה, שוין לאַנגע טעג;
ווי האַלטן מיינע ברידער, וועלכע געבן
פאַר דער פרייהייט ס׳לעבן דאָרט אַוועק?

ס׳האָט פינצטערניש און ליכט, זיך ביי די טוי׳רן
פון מאַדריד, ווי צו רעוואַנש געשטעלט,
און — וואָס׳ער פּנים ס׳וועט דער זיגער האָבן —
אַזאַ פּנים וועסטו האָבן — וועלט.

מאַדריד, מאַדריד — די שפּאַנישע באַסטיליע,
ווי אין ראָבעספּיערס און דאַנטאָנס צייט;
אין רויטן קעגן־שטורעם אויף די שוואַרצע —
הילכט דער אינטערנאַציאָנאַל פון ווייט.

פּאַריז — פאַרפירערישע וועלט־פרוי,
ניט דיין רייץ דאָ ווידמע איך מיין ליד;
אין גאַנג איצט איבער די בולוואַרן דיינע —
טראַכט איך און זינג פאַר רויט־מאַדריד.

פּאַריז, 1937.

גערניקא

צו פראַנקאָ־היטלער־מוסאָליניס שוואַרץ־בוך —
נאָך אַ גרויליק, נאָך אַ פינצטער בלעטל;
גערניקא — געהייסן האָט דאָס שטעטל,
וואָס איז פרידלעך, רואיק זיך געלעגן
(ווי עס ליגן שטעטלעך אויף די וועגן) —
שטעטלעך שפּאַנישע, באַזוניקטע, באַשטראַלטע,
שטעטלעך יונגע, שטעטלעך אַלטע,
אויף קיין בייז און שלעכטס נישט אויסן —
ווי אויף דלאָניעס אויסגעשאָטן
מיטן האָב און גוטס אינדרויסן
פאַר די פענצטער, וועלכע קוקן
צו דער סאָכע, צו דער בראָנע
אונטער בלאָקייטן פון הימלען
פול מיט טשאַטעס קריגס־אַוויאָנען . . .

גערניקא — געהייסן האָט עס נעכטן, —
חורבה — הייסט עס היינט —
נאָכדעם ווי ס'האָט דער שוואַרצער פיינט
פון אַלץ, וואָס לעבט און בליט —
געשטורעמט עס, מיט בליי און פייער,
(ווי נישט איינמאָל — ס'אומבאַזיגבאַרע מאַדריד)
און פונדערהויך — געזייעט טויט
פון הימלען בלאָע, ריינע,
טויט פאַר אומבאַשיצטע פרויען,
טויט פאַר קינדער קליינע.

שפּאַניעס בעסטע זין און טעכטער
פון גערעכטן רויטן צאָרן!
זאָל אין אייער פרייהייט־קאַמף —
אויף דורות בלייבן לזכרון
נאָך אַ גרויליק, פינצטער בלעטל:
גערניקא — געהייסן האָט דאָס שטעטל.

פּאַריז, 1937.

מאַדרעסיטאַ

כ'האָב געהאַט די זכיה דיך צו זען און הערן,
דיך — די מאַדרעסיטאַ פונעם קעמפנדיקן שפּאַניע.
וועמענס גרוס פון דאָרט — געבערענגט האָט מיך ביז טרערן,
כאָטש איך האָב די שפּראַך דיינע אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען.

ס'איז גענוג געווען צו זען דיך בלויז אין שוואַרצן,
ווי אַ הייליקע פון זוכן ליבע צו דעם נאָנטן,
און צו הערן בלויז דעם ציטער פון דיין האַרצן
איבער שפּאַניעס בעסטע זין און טעכטער אויף די פראָנטן —

אַז מען זאָל אַוועק אַהין מיט דיר צוזאַמען —
שטעלן זיך ווי גלייכע, מיט די בעסטע מענטשן־רייען,
וועלכע האָבן דיך געקרוינט פאַר זייער מאַמען,
פאַר דיין גיין צו זיי אין די אָקאָפּעס און טראַנשייען;

פאַר דיין הילף זיי אינעם שטורעם, אינעם גרעסטן,
ווען דער שונא שפּייט אויף זיי מיט בליי, מיט גיפט און פייער;
פאַר דיין העלפן, ווי פון ברענענדיקע נעסטן
איבערטראָגן די, וואָס זענען טאַטע־מאַמען טייער . . .

מאַדרעסיטאַ פון די שפּאַנישע גערעכטע,
וואָס באַשלאָסן האָבן: זיך דעם פיינט נישט אונטערגעבן!
זאָל אַ טרייסט דיר זיין אַזעלכע זין און טעכטער,
וועלכע זענען פאַר דער פרייהייט מקריב זייער לעבן.

פּאַריז, 1937.

קלאָשאַרן

I

קלאָשאַרן זענען האַרן פון דער נאַכט,
די נאַכט, די קאַרג־באַלויכטענע,
וואָס דעקט זיי צו די אָרעם־שאַנד
און היט זיי, מיט אַ קרענקלעך געעל לאַמטערן־אויג.

ווי שאָטנס פון סופּיט און ווענט, געפאַלן —
זעט מען זיי נאָך האַלבער נאַכט
אין קאָרידאָרן־לאַבירינט
פון מעטראָס (פאַרן שליסן זיך)
און פאַרן צונעמען ביי זיי,
די וואַרעמקייט פון אונטער דר׳ערד,
און ס׳דרעמלען אויף די מעטראָ־טרעפּ.

קלאָשאַרן קען מען זען אינמיטן נאַכט
ביים מאָגן פון פאַריז: די ריזן־האַלעס —
ראַיען זיי, ווי נאַכט־פייגל, און זוכן שפּייז
אויף קופּעס מיסט, און בערג צעשאָטן אָפּפאַל.

און מען קען זיי זען אויך, שלאָפן
אויפן פייכטן ברעג פון „סען״ —
צופּיסנס אַלע בריקן,
און צוקאָפּנס אַלע שטיינער.

II

קלאָשאַרן זענען די,
וואָס האָבן נישט קיין „וואוהין", קיין „וואָס" און „ווען",
נאָר אַ וועג, וואָס פירט זיי פון די האַלעס ביז צום „סען" און צ'ריק.

קלאָשאַרן זענען די,
וואָס מעגן, וואָס מען וואַרפט אַרויס — זיך נעמען,
און אָוועקטראָגן די שפייז פון אָפּפאַל אונטער יעדער בריק.

קלאָשאַרן זענען די,
וואָס האָבן נישט קיין „היינט" און זעען נישט דעם מאָרגן,
און דעם נעכטן זיי'רן האָבן זיי פאַרגעסן שוין פון לאַנג.

קלאָשאַרן זענען די,
וואָס האָבן אויפגעהערט צו קענען זאָרגן,
און געלאָזט ס'פּאַריזער לעבן גיין דעם קרומען, פרעכן גאַנג.

III

ניִשט קיין בעטלער זענען זיי — די דאַכלאָזע, באַטאַרבעטע,
וואָס שטרעקן אין דער נויט ניִשט אויס די האַנט:
זיי זענען די, וואָס האָבן אין פאַרביטערונג,
דאָס לעבן נאַקעט צוגענאָגלט צו דער וואַנט,
ווי יעזוסן צום קרייץ; —
זאָל זען די וועלט, די אָפּגעדעקטע שאַנד,
און שעמען זיך אויף אונדז צו קוקן,
פאַר דער שולד פון די, אויף וועמענס קעפּ
ס'דאַרף פאַלן האַרב, די שטראָף
פאַר אונדזער פאַלן אויף די מעטראָ־טרעפּ,
און פאַר ליגן אויסגעשפּיגענע
ביים „סענער" ברעג, און פאַר די פיס
פון צוויי און דרייסיק בריקן פון פּאַריז.

זיי זענען ניִשט קיין בעטלער, די קלאָשאַרן,
ניִשט קיין בעטלער, ניִשט קיין קנעכט אויך, ניין!
נאָר — הימלאָזע און הונגעריקע האַרן
איבער זיך אַליין.

פּאַריז, 1937.

אַ ליד — אַ שטיין

טרוקן און האַרט, ווי אַ שטיין איז מיין ליד, —
ווען כ'זינג פון דער חושכדיק־אָרעמער גאַס
וואו ס'האָט נאָך קיין פרילינג זיך רעכט נישט צעבליט,
ווי ס'בליט דאָרט און וואַקסט איינדערפינצטער — דער האַס.

דער האַס צו דער גאַס וואו ס'איז ליכטיק ביינאַכט,
ווי ס'איז נישט אין אָרעמען געסל, בייטאָג;
די גאַס וואו דאָס לעבן זינגט פריידיק און לאַכט —
ווען ס'אָרעמע, פול איז מיט אָנקלאָג און קלאָג.

טרוקן און האַרט, ווי אַ שטיין איז מיין ליד, —
ווען כ'זינג פון דער נויט אין דער אַרבעטער־גאַס,
וואו ס'פאַלן, ווי שטיינער צונויף זיך ווען, טריט
פון מענטשן מיט וועלפישע בליקן פון כעס.

פון מענטשן, ווי האַלצשניטן, טרוקן און האַרט,
גרופירט, ווי אַנטשלאָסן אויף יעטוועדן פאַל —
מאַרשירן און ווערן אַזוי אומדערוואַרט:
די דראָאונג און אומרו, אין רייכן קוואַרטאַל.

פּאַריז, 1937.

פּאַריזער הינט

נישט איינער דאָ, נישט הונדערטער, נאָר טויזנטער
פון די, וואָס ווייסן ניט, וואָס היים איז, און וואָס זאַט איז.
מענטשן־שאָטנס, איבעריקע, שמאַטעס —
מעגן אייך מקנא זיין, פּאַריזער הינט,
באַשאָנקענע, ווי קינדער, נאָר פון טאַטע־מאַמען —
פול מיט צערטלעכקייט און זאָרג און ליבע
פון די הערן, דאַמען און מאַדאַמען,
וועלכע האַלטן אייך ביי זיך אין די סאַלאָנען —
פּאַרפומירט מיט זייפן און פלאַקאָנען
פון די ראָזע בודואַרן,
און איר ווערט געשפּייזט אין זיי מיט עסנס,
וואָס עס מעגן זיך עס ווינטשן די קלאָשאַרן . . .

אייער וואוילזיין דאָ, פּאַריזער הינט,
קען זיין, איז — אַ געשאַנק פון קינדערלאָזע,
וועלכע בענקען נאָך אַ קינד,
און אפשר גאָר דערפאַר, וואָס איר, נאָר איר
קענט אונטערטעניק זיין די הערן און די דאַמען,
און געטריי — זיי נאָכקריכן אויף אַלע פיר,
און חנפענען און לעקן,
שטענדיק גרייט מקבל־זיין דעם שטעקן . . .
זאָל עס זיין פּאַרוואָס עס זאָל נישט זיין,
נאָר ס׳מעג אייך דאָ מקנא־זיין נישט איינער,
ווען ס׳לעבן ס׳פינצטערע מאַכט שאַרף,
ווי ביי אַ הונגעריקן וואָלף, די ציינער.

פּאַריז, 1937.

אויף אַ הינטיש בית-הקברות

וויפל מענטשן האָבן נישט געלאָזט נאָך זיך,
נאָך זייער לייב און לעבן און געביין —
אַפילו נישט קיין שטיין, אַ פּראָסטן שטיין?
דערפאַר אָבער, דערפאַר — פאַראַנען איז,
(ווי כ׳האָב געזעען ביי פּאַריז:)
אַ בית־הקברות בלויז פאַר הינט;
אַ בית־הקברות מיט אַלייעס,
וואו עס שמעקט און בליט און גרינט
אַרום מצבות מאַרמאָרנע
מיט אויפשריפטן באַגילדט:
„מיין רעקס", דער איינציקער,
וואָס האָט פאַרשטאַנען מיך, געפילט".
„מיין „דזשים"!
דאָס לעבן מיינס
האָב איך געטיילט מיט אים".
„דאָ ליגט מיין טרייער קלוגער. „פּאָקס" באַגראָבן".
אָדער: „גרי", נאָך דיר
וועל איך קיין צווייטן שוין נישט האָבן..."
און ווען אויפשריפטן און שבחים זאָגן ווייניק וואָס —
קומט צו נאָך ס׳בילד פון הונט:
זיין מאָרדע הינטער גלאָז.

און ס׳קומען אויפן הינטישן בית־עולם:
דאַמען, הערן,
קינדערלאָזע פרויען,
אַלטע קאַוואַלערן,
אַלטע פריילנס (וויט נאָך „שלושים"): —
קומט מען גאַרבישט אויף קאַטאָוועס —
בלומען לייגן, בלומען טוישן,
ווי מען קומט אויף קבר־אבות...

*

און וויפל מענטשן האָבן נישט געלאָזט נאָך זיך
קיין שטיין, קיין ברעטל נישט, נאָך זייער טויט,
און — ליגן הינטער אַ צעטראָטן בערגל
ערגעץ ביי אַ פּלויט ? !

תל־אביב, 1938.

מיין אָדע צו פּאַריז

ווי שיין דו ביסט, פּאַריז,
ווי אַלט און שיין,
ווי פּרעכטיק
און — ווי נידערטרעכטיק,
און געמיין.

אַזוי־אַ, הייב איך אָן צו דיר מיין אָדע,
דיר — די שטאָט פון ליכט און גלאַנץ,
פון עלעגאַנץ
און מאָדע.

אָט אַזוי־אַ, הייב איך אָן
מיין ליד פאַר דיר צעוויקלען,
ווי אַ פאָן,
אַ רויטע פאָן, ווי פייער —
אַ צעשטייער
דיינע גאַסן און בולוואַרן —
אין פאַרביימאַרש פאַר דער „וואַנט פון קאָמונאַרן",
און אין דורכמאַרש דורך דעם „פּלאַץ באַסטיל"
און פלעצער אַנדערע, וואו ס'ליגן פיל
אין פרייהייטס־קאַמף געפאַלענע
פון אַלע מיתה־גרוילן:
גילאָטינע, תליה, שווערד און קוילן.

אָ, פּאַריז!
די שטאָט פון קונסט און זנות,
די פרוי פאַר אַלע,
איבערהויפּט פאַר די, וואָס גייען נישט צופוס —
צו זען דיך אין דיין גאַנצער נאַקעטקייט און פּראַכט,
ביינאַכט
אויף „רי בלאַנדעל", „מאָנמאַרט"
און פלעצער אַנדערע פון זעלבן סאָרט,
נישט דורכצולאָזן אויך דעם רייכסטן „פּלאַץ קאָנקאָרד"

וואו ס׳ווערט דער צייט־פּאַרטרייב פון „לעצטן וואָרט" —
סעווירט אין קלובן און אין קאַבאַרעטן,
וואו מען טרעפט דאָס בעסערע, די אויבערשטע:
גנבים, פּרויען־הענדלער און . . . פּאָעטן.

אָ פּאַריז,
די שטאָט פון רייץ און „ליבע"!
אויכעט דיר — מיין גאַליק ליד פון האַס,
פאַר דיינע מאַסן הונגעריקע, דאַכלאָזע אין גאַס,
אויף טרעפּ, אויף פינצטערע און שוועלן,
ווען בישט ווייט פון זיי, אָ שפּאַן דערנעבן —
ברעכט מען אויס פון איבערזעט, דאָס לעבן.

אָ, פּאַריז, ווי שיין דו ביסט,
ווי אַלט און שיין,
ווי פּרעכטיק
און — ווי נידערטרעכטיק,
און געמיין.

פּאַריז, 1937.

אַ געזעגענונג

. . . און ווידער אַ געזעגענונג צום אָפּשייד פאַר מיין פאָרן:
צום ווידערזען אייך אַלעמען, אויב ס׳וועט באַשערט זיין יאָרן!
איך זאָג: באַשערט, כאָטש כ׳גלויב ניט אין באַשערטן און פאַטאַלן,
נאָר קיינער קען ניט וויסן היינט, ביי וועמען עס וועט פאַלן
דער מאָרגן, אַ צעבלוטיקטער ביים שוועל פון טאָג, פון נייעם,
דער קאַמפּס־טאָג, וועלכער וועט אונדז דאַרפן אַלעמען באַפרייען.

געזעגן איך זיך ווידער צו מיין ווייטערדיקן וואַנדער,
נאָר ס׳טיילן, קעמפער, מיך מיט אייך די ווייטן ניט פאַנאַנדער,
עס שניידן דורך די וועלט צוויי פראָנטן, איינער קעגן צווייטן:
אַ שוואַרצער פראָנט, אַ רויטער פראָנט, און איך בין אויפן רויטן.
צום ווידערזען אייך, רויט־פראָנטלער און גורל־איבערשמידער,
ווער ס׳דינט דער זאַך מיט האַמער, ביקס און ווער, ווי איך — מיט לידער.

פּאַריז, 1937.

די גאַס — מיין היים

די גאַס איז מיין היים
וואו כ׳פאַרברענג מיינע טעג:
אין געשטויס,
אין געיעג,
אין געשלעג
פאַרן זיין.
ווער עס שלאָגט זיך פאַר ברויט,
ווער עס שלאָגט זיך פאַר ווייַן,
און ווער — ווייל די פויסט זיין
איז שטאַרק און האָט מאַכט —
צו שטעלן זיך יעדן און אַלץ אויפן וועג,
און — אַזוי, דרייט די גאַס מיך אַריין אין געשלעג,
אויף דער זייט פונעם שוואַכן —
די זייט פון גערעכטן,
וואָס וויל זיך נישט לאָזן
פאַרטיילן, פאַרקנעכטן,
און האַלט פאַר זיין רעכט זיך, מיט נעגל און ציין —
געשטאַרקט פונעם גלויבן
אַז, ר׳איז נישט אַליין,
אַז, ס׳זענען אַ סך דאָ, ווי ער און ווי איך,
וואָס שלאָג זיך פאַר אים,
ווי איך שלאָג זיך, פאַר זיך.

צו די, וואָס זינגען פאַר די קומענדיקע דורות

כ׳וויל צו די, וואָס זינגען פאַר די קומענדיקע דורות —
נישט געהערן;
כ׳בין דער זינגער פונעם דור דעם היינטיקן,
און כ׳וויל נאָך היינט פון אים פאַרשטאַנען־ווערן.

כ׳וויל, אַז, ס׳וואָרט,
מיין וואָרט, מיין אויפגעזונגענס,
זאָל אַ תיקון, היינט נאָך, היינט, געפינען,
ביי די פראָסט און פשוטע, די „שטערבלעכע״,
וועם כ׳וויל ביי מיין און זייער לעבן — דינען;

דינען מיט מיין ליד, — מיין לייד און לייט־מאָטיוו
פאַר יעדנס דורכגעלעבטער מעשה־נורא;
דינען די, וואָס אינעם קאַמף פאַר ברויט —
דערווערבן זיי די לעבנס־חכמה זיי׳רע,
און דעם קלאָרן בליק, און דאָס באַנעמען
איינפאַך און געזונט — אַפילו ווייען
פון אַ שווער און בלוטיק וועלט־געבורט,
אַזאַ, פאַר וועלכן מיר אַ שטייגער, שטייען.

אַט פאַר די, פאַר די, וואָס ווילן „היינטיקס״
„שוינס״, נישט אָפּצולייגן עס אויף שפּעטער —
זינג איך, ווען אַפילו מיינע לידער
זאָלן מאָרגן זיין שוין געלע בלעטער,
אָפּגעפאַלענע פון עץ־החיים
און פון ווינט — ווי שטוב מיט שטויב — געטראָגן —

אַרט מיך נישט! — ווייל כ׳האָב נאָך היינט מיט זיי
אין מענטשלעכע גורלות אָנגעשלאָגן;
און מיט זיי, געעפנט טרערן־קוואַלן,
און מיט זיי, געעפנט אַלטע וואונדן,
אָדער, ווען מענס אויגן פול־געמאַכט
מיט וואַרעם ליכט, פון גלויבן אָנגעצונדן; —

אַרט מיך נישט, אַז כ׳וועל צו די, וואָס זינגען
פאַר די קומענדיקע דורות — נישט געהערן;
כ׳בין דער זינגער פונעם דור דעם היינטיקן,
און כ׳וויל נאָך היינט פון אים פאַרשטאַנען־ווערן.

תל־אביב, 1941.

מיין לעצטער וואונטש

פון אַלע מיינע וואונטשן און באַגערן
מיט וועלכע כ'האָב אומזיסט זיך אָפּגעגעבן —
געבליבן איז איין וואונטש מיר; איין באַגער נאָר:
דעם טאָג פון רויטן שטורעם צו דערלעבן.

אַ רויטן שטורעם איבער אַלע לענדער
וואו שוואַרצע ברוינע פּעסט איז נאָר פאַראַנען,
(נישט דורכצולאָזן אונדזער זוניק לענדל,
וואָס מיינט, אַז ס'ליכט אויף טאָג — גייט אויף פונדאַנען.)

מיט רויטן שטורעם, מיין איך: רויטן משפּט.
אַ טאָג, ווען פאַרן טריבונאַל דעם רויטן,
וועט שטיין דער איבערזאַטער האַר — דער שקר,
ווען כ'וויל מיט מיינע הענט נאָך — העלפן טויטן!

כ'וויל העלפן די, וואָס וואַרטן אויף נקמה,
און לאָזן אויך מיין שטים, אַלס עדות, הערן;
כ'וויל קענען אויך אַליין נקמה נעמען
פאַר בלוט פאַר אומשולדיק, פאַר שענדונג און פאַר טרערן.

פון אַלע מיינע וואונטשן און באַגערן
מיט וועלכע כ'האָב אומזיסט זיך אָפּגעגעבן —
געבליבן איז איין וואונטש מיר; איין באַגער נאָר:
דעם טאָג פון רויטן שטורעם צו דערלעבן.

תל־אביב, 1942.

הימוויי

דעם הייליקן אָנדענק — מיינע אומגעקומענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, וועמענס געביין ס'איז שפּורלאָז פאַרלוירן געגאַנגען אונטער די חורבות פון פּוילן.

מיין משפּחה

מיין משפּחה איז אַ וואַלד פון ביימער אַלערליי:
דער טאַטע — אַ דעמב,
די מאַמע — אַ סאָסנע,
די פעטערס זענען אָלשינעס
די מומעס — יאָדלעס,
און מיר, די קינדער —
קלאָגנדיקע ווערבעס ביי דער זייט...

איז מען פון דער נאָנט זיך פרעמד און וויט,
ווי איין ברעג ים פון אַנדערן,
און אָנגעברוגזט אונטער הימלען האַרבסטיקע...

און שטענדיק, ווען עס טוט דער דעמב אַ קרעכץ —
צעוויגט די סאָסנע זיך,
און באַלד נאָך איר — די יאָדלעס און די אָלשינעס,
די ווערבעס טרייסלען זיך
און ציטערן פאַר שרעק,
און ס׳רוישט דער וואַלד מיט ערב שטורעם
איבער אַלע קעפּ.

אונדזער הויז

אונדזער הויז — אַ טרענקענדיקע שיף,
וואָס ראַנגלט זיך אין אונטערגאַנג,
און גייט באַלאַדן מיט דער לאַסט פון אָרעמקייט —
צו גרונט.

דער טאַטע, ווי אַן אויסגעדינטער, אַלטער קאַפּיטאַן —
פאַרלוירן האָט די כוחות
און דעם רודער פון דער האַנט,
און ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל אים איבערנעמען
און די שיף דערפירן צו אַ האַפן . . .

שטייט די מאַמע אויף דער אויבערדעק
מיט טרענקענדיקע אויגן פון פאַרצווייפלונג,
ברעכט און שטרעקט די הענט אויס,
ווי צוויי פליגל פון אַ קראַנקן פויגל,
און זי שרייט און רופט צו גאָט אין הימל
און צו גאָט פון ים
און גאָט פון ווינט . . .

און האַפנונגסלאָזע, וואַרפן זיך די קינדער,
ווי געגאַרטלטע מאַטראָזן אין די כוואַליעס,
און מען האַלט זיך, ווי אויף שווימענדיקע ברעטער —
ווייט פון ברעג —
און ווייטער נאָך — פון הילף
פאַר אונדזער הויז — די טרענקענדיקע שיף.

מײַן הײם, מײַן נעסט

די הײם פֿון מײַן װיגל — אַ נעסט אַ צעשטערטע,
און אַלע אין איר, זענען דאַכלאָזע פֿײגל,
װאָס פֿליען און זוכן אַ נעסט װאו צו בויען
און פֿאַלן אין פֿליען, װי אונטערגעשאָסן . . .

װי קען טאַטע־מאַמע דערװאַקסענע העלפֿן —
װען ס׳זענען די הענט שוין — צעבראָכענע פֿליגל,
און אַלט איז מען, עלטער פֿון צער, װי פֿון יאָרן
און גראָ איז מען, גראָער פֿון װינטער־פֿאַרנאַכטן.

דערפֿאַר איז דער טאָג אַזוי לאַנג פֿאַר די קינדער
און קורץ יעדנס נאַכט, צו פֿאַרשלאָפֿן דעם חושך . . .

— — — — — — — — — — — — —

די הײם פֿון מײַן װיגל — אַ נעסט אַ צעשטערטע,
און אַלע אין איר, זענען דאַכלאָזע פֿײגל . . .

דערפֿאַר, ווייל ...

ווייל ס'האָט נישט דער טאַטע באַצייטנס דאָס פּעלד זיינס צעאַקערט,
ווייל ס'האָט נישט דער טאַטע באַצייטנס דאָס פּעלד זיינס פֿאַרזייט, —
דערפֿאַר האָבן שפּעטער די קינדער דעם ווינט נאָר געשניטן,
און שטענדיק געהאַט אויך בדוחק דאָס טרוקענע ברויט.

דערפֿאַר האָבן שפּעטער די קינדער אויף ווינטיקע וועגן
געלאָזט זיך פֿון קיינעם געפֿירט, ווי פֿאַרלוירענע שאָף,
און האָבן אַזוי מיט די טריט, מיט די ערשטע אין לעבן,
נאָך יונגע — דערזען שוין ביים אָנהויב, דעם ראַנד פֿונעם סוף.

און איך, וואָס בין קינדווייז פֿאַרשאָלטן געוועזן, מיטן פּילן
ביז פֿאַרפֿילן אַלץ, וועגן וואָס מען האָט אויך נישט גערעדט;
בין ווערנדיק איינזאַם און שטום אין מיין היים אין מיין קאַלטער —
געוואָרן פֿון אומעט, פֿון טרויער און צער — אַ פּאָעט.

אין מיין היים

אין מיין היים איז גאָרנישט היימלעך און נישט פרייִלעך;
ס׳גייט אַ ווינט אַרום אין הויז, ווי אין אַ וואַלד,
ס׳איז דער טאַטע אַן אַראָפּגעזעצטער מלך
אין דער אייגענער מלוכה, וואָס צעפאַלט . . .

שטייט דער טראָן זיינער פון אויבן־אָן — צעבראָכן
און דער מאַמעס שטול הינקט־אונטער ביי דער זייט,
ס׳איז דאָס מעבל זיך צעפאַלן און צעקראָכן
נאָכן אויסדינען געטריי די גוטע צייט . . .

איז אַ העלפט פון אַלע קינדער זיך צעפאָרן,
זיך צעפלויגן, ווי די פייגל פון דער נעסט,
ווער ס׳האָט פליען נישט געקענט — איז גראָ געוואָרן
פאַר דער צייט, פון זיצן ביי דער נויט אויף קעסט . . .

אין מיין היים איז גאָרנישט היימלעך און נישט פרייִלעך,
ס׳האָט די אָרעמקייט אין איר זיך ברייט צעלייגט,
ס׳איז דער טאַטע אַן אַראָפּגעזעצטער מלך,
וועלכער האָט צו קיין מלוכה נישט געטויגט . . .

פון טאַטנס בריוו

פון טאַטנס בריוו האָב איך געזען:
סוף האַרבסט אין וואַלד פון מיין משפחה;
אויף צעצווייגטע קעפּ, ווי שפּינען־נעסטן
ליגט די גראַקייט, ווי אַ דינער מעל־שטויב פון אַ מיל,
און שיטערלעך זעט אויס דער וואַלד
כאָטש מען האָט אים נישט געהאַקט,
נאָר בלויז אויף איבערפלאַנץ —
פון דאָ און דאָרט, אַ בליִענדיקן בוים אַרויסגענומען...

קרעכצט דער טאַטע — דעמב,
און בייגט זיך ווי אַ ווערבע
פון דער לאַסט פון צער,
און ס'קוואַרט די צאַרטע מאַמע — סאָסנע,
הויך און דאַר אַריין אין הימל...

ליי'ן איך ווייטער, זע איך:
ערשטער שניי־פאַל,
וואַלד איז, ווי אַ זילבער־נעץ צעהאַנגען
אויף די פרירנדיקע בלאָע הימל־ראַנדן,
קראָען פליען, איינע נאָך דער צווייטער
מיט געהיימער, שוואַרצער פרייד אויף פליגל,
און דער שניי, ער הערט נישט אויף צו שיטן,
שיט און שיט,
און לייגט זיך מיט דער לייכטקייט
שווער, אויף מיין געמיט.

תל־אביב, 1934.

נישט דערקענט

כ'האָב די היים נישט דערקענט
און נישט קיינעם אין איר,
נישט דערקענט שוין די ווענט,
נישט די שוועל, נישט די טיר.

אָפּגעשינדן איז אַלץ
און פאַרשוואַרצט און פאַרגרויט,
ווי געוואָרגן ביים האַלדז
וואָלט דאָ יעדן די בויט.

גייען אַלע אַרום
ווי נשרפים אין הויז,
און דער צער יעדנס, שטום
קוקט פון אויגן אַרויס;

און דערציילט ווי פאַרשעמט,
אויף אַן אָרעמער שפּראַך
אַז — דאָס לייב האָט קיין העמד
און דער קאָפּ, נישט קיין דאַך;

און קיין קישן — דאָס בעט
וואו מען ליגט און מען וואַכט
און מען חלומט פון זעט
פאַרן הונגער פון אַכט — — —

תל־אביב, 1934.

קען זיין . . .

קען זיין, קען זיין, אַז — נאָך אין וויגל
האָט מען מיך — אַ פּיצלס, שוין געלערנט זיין אַליין,
און פרי — מיך אויפגעהערט צו וויגן און פאַרוויגן,
און אַ נישט אַנטוויינטס —
געלאָזט מיך שעהען קייכן פון געוויין,
ביז כ'פלעג אַ מידס, אַ העשענדיקס
אָן כוחות בלייבן ליגן,
איינגעשלאָפן מיטן שטומען, הייסן קינדישן באַגער,
ווען אויף די אייגעלעך די רויטע
האָט געפּערלט און געלויכטן נאָך די טרער . . .

קען זיין, קען זיין —
האָט קיינער נישט געזען, ווי איך — אַליין,
אַ קריכנדיקער קראָט אויף אַלע פיר —
האָב פלוצלינג זיך אַ שטעל־געטאָן
און אָנגעהויבן פאַלנדיק צו גיין,
און ס'האָט די מאַמע מיר נישט אויסגעשטרעקט די אָרעמס,
נישט גענומען פאַטשן מיט די הענט פאַר פרייד,
און נישט צעשריגן זיך פאַר גליק:
— עס גייט שוין, ס'גייט!
און ווי ס'איז קיינער נישט געווען ביי מיינע ערשטע טריט —
אַזוי האָט קיינער נישט געהערט פון מיר די ערשטע רייד;
אַזוי האָט קיינער נישט געהערט פון מיר דאָס ערשטע ליד,
דאָס ליד פון שווערגעמיט,
נאָך נישט צעבליטערהייט.

אַז כ'האָב דאָס ערשטע מאָל, ווי פרעמד פאַרלאָזט די היים —
האָט קיינער מיך צום וועג אַרויסבאַגלייט,
האָט קיינער מיר די ברכה אויפן וועג נישט מיטגעגעבן:
שטילקייט האָט פאַרמאַכט נאָך מיר די טיר,
ווען ס'איז אַרויס מיט מיר די שוועסטער — איינזאַמקייט;
פאַראויס געגאַנגען איז: די אומבאַקאַנטע וויט,
פון הינטן האָט מיר נאָכגעקוקט באַדויער;
דער שאָטן איז געגאַנגען,
ווי אַ קנעכט אַ שוואַרצער ביי דער זייט,
און פעסט צום האַרץ, האָב איך געדריקט
דאָס קינד מיינס: טרויער.

פונדערהיים

ווי שווער ס'איז אינדערהיים געלעגן דער סופיט אויף יעדנס קאָפּ,
ווי ענג עס האָבן זיך צונויפגערוקט פאַר יעדן, אויך די ווענט; —
איז יעדער אינדערהיים געוואַקסן אָנשטאָט אין דער הויך — אַראָפּ,
און נישט געקאָנט צעצווייגן זיך, צענעמען די געליימטע הענט.

און נישט געקאָנט באַפרייען אויך די פרייע פיס, פון יענע טריט,
וואָס זען און הערן קאָן מען נאָר, ווען ס'ליגט־וואו אין אַ שטוב, אַ מת;
אין אָט אַ ליכט אַזאַ אומהיימלעך, אויפגעגאַנגען איז מיין ליד
און פרילינגס־צייט צעבליט זיך, ווי אַ בלאַסער אומעט־גראָער בעז.

אין אָט אַ ליכט אַזאַ אומהיימלעך, האָב איך עס אַ זינג־געטאָן,
אַ זינג־געטאָן און אָפּגעהאַקט, ווייל אָטעם האָט מיר אויסגעפעלט
פון טרינקען און פאַרכליניען זיך פון דורשט, מיט יעדן ביסל זון,
פון רייסן זיך אַ פרייער, ווי געבונדן — צו דער דרויסן־וועלט.

און זאָל דערפאַר קיין וואונדער זיין אַצינד, מיין נידעריקער פלי;
איך קריץ נאָך אַלץ אַרום מיין היים, מיט איר סופיט אויף יעדנס קאָפּ,
און כ'טראָג נאָך אַלץ אין זיך און אין מיין ליד אַ טרויעריק צעבלי
פון וויינענדיקע ווערבעס, וועלכע וואַקסן מיט די קעפּ אַראָפּ . . .

מײַן צײַט ...

מײַן צײַט איז פֿאַרגאַנגען אין װײען פֿון בענקשאַפֿט
בײַ גאָלדענע שטאַפּלען פֿון זוניקע אויפֿגענג,
אויף זילבערנע שװעלן, בײַם שײַן פֿון לבֿנהס,
אין טרוימען נאָך לענדער אַנטפּלעקט אין חלומות
געשיקט אין די װײַטן, װי טויבן פֿון האַרץ־נעסט;
נאָר, ס'זענען די טויבן צוריק נישט געקומען,
ס'האָט קײנע פֿון זײ, נישט געבראַנגט מיר אין שליחות
קײן סימן פֿון שפּראָצונג, קײן צײכן פֿון בליאונג,
און איך בין געבליבן בײַ זיך אין דער תּבֿה
פֿאַרקלאַפּט און דערטרונקען אין שטאָקיקן חושך.
נו, בין איך געװאַקסן אַ קינד פֿונעם אומעט,
געװאָרן פֿון יאוש און צװײפֿל — אַ שװײגער,
גענומען אַרומגײן מיט שװאַרצע מחשבֿות,
װי ס'װאָלטן געפֿלאַטערט, געקלאַפּט מיט די פֿליגל
אַ טשאַטע מיט קראָען בײַ מיר אינעם מוח.
און איך, דער געװעזענער טרײסט פֿאַר מײַן מאַמען,
די קרוין אינעם הויז פֿון מײַן טאַטנס מלוכה, —
בין פֿרעמד, אַזױ פֿרעמד צו זײ בײדן געװאָרן,
דערװײַטערט פֿון לײַבלעכע שװעסטער און ברידער,
און — כ'האָב אײַנדערהײם אין די אָפֿענע ביכער
געפֿלעגט צו באַגראָבן דעם שטײנערנעם עלנט,
און פֿילן די שטעכיקע בליקן דער מאַמענס,
און הערן דאָס כּעסאיקע ברומען פֿון טאַטן:
אַזױ װי ער בעט זיך — אַזױ װעט ער שלאָפֿן ...
הײַנט גײ איך צעשפּאַנט איבער שטעטישע גאַסן,
מיט ביטערן, גאַליקן חוזק, געזאַמלט
אין װאָך־נעכט, אויף הינטיש־געבעטע געלעגערס,
און כ'פֿײַף אויף די טעג, װי אויף לײדיקע פֿלעשער,
װאָס ענטפֿערן אָפּ מיר, מיט הילכיקע פּוסטקײט ...

תּל־אָבֿיבֿ, **1924**.

דער קוואַל פון מיין אומעט

מיין היים איז געווען דער קוואַל פון מיין אומעט און טרויער,
דער ברונעם, וואָס האָט נישט דעם דורשט מיינעם שטילן געקענט,
די אָפענע תפיסה, וואו כ׳האָב נישט געפונען דאָס טויער —
צו קענען אַרויס פון די ענגע פאַרחושכטע ווענט.

דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פינף ברידער — אינאיינעם —
האָט יעדער באַזונדער, פאַרשלאָסן ביי זיך אין דער צעל —
אַן אויסוועג געזוכט, און נישט רעדנדיק קיינער מיט קיינעם —
אַ שפּאַן נישט אַריבערגעגאַנגען דער אייגענער שוועל . . .

אַזוי האָט פאַרפרעמדט, אינדערשטום, יעדער איינער געליטן,
און קיינמאָל — זיך איינער צום צווייטן מיט עפּעס געווענדט ;
אַזוי זענען אַלע געוואַקסן פאַרזעגט און פאַרשניטן,
און ס׳האָבן זיך אָפטמאָל געשלאָגן אַכט קעפּ אָן אַכט ווענט.

דער טאַטע, דער חובב-ציון

האָט דער טאַטע איבער דרייסיק יאָר
אַריינגעחלומט אין די ווייסע האָר,
אַ חלום וועגן לאַנד פון זיינע אָבות,
און מיט ליכטיקע מחשבות
און פאַרבענקטע אויגן —
זיך געצויגן,
ווי אַ קינד —
אַהין, אַהין,
וואו הימלען זענען שטענדיק ריין און בלאָ,
און פאַלמעס אייביק גרין,
און אַלץ איז זוניק איבער ראַנד און ברעג,
און פייגן־ביימער שפרייטן שאָטנס אויס,
ווי קאָברעצן פאַר וואַנדערער פון וועג;
איז — ליגט ער צוגעפאַלן אָט אַזוי
אין שאָטן, אויסגעטאָן פון גראָער וואָך,
און אויסגעשפאַנט פון גלות־יאָך
און — קוקט,
און קוקט אויף מעשה־בראשית, ווי עס ווערט,
און — זעט, ווי אַלץ אַרום גייט־אויף און יערט,
און וואַקסט און בליט,
און ער, דער טאַטע — וואַקסט, וואַקסט מיט
פאַר פרייד,
און גלייכט זיך אויס, און פילט
אַזאַ געפיל, וואָס האָט זיך אומבאַקאַנט
ביי אים אין בלוט, דאָס ערשטע מאָל צעבליט,
ער פילט:
דעם באָדן אונטער זיך,
אַ היים, אַן אייגן לאַנד,

און ער — אַן אייגענער,
אַ שיתוף גלייך אויף גלייך
צום מילך און האָניק,
און צו אַלץ, מיט וואָס דאָס לאַנד איז רייך,
און ס'איז אים גוט דעם טאָטן, ווי נאָך קיינמאָל גוט.
איז — ליגט ער, ווי ער וואָלט זיך טייען נאָך אַ פּראָסט;
עס פעכערט אים אַ ווינטל פון די בערג און בלאָזט,
און טראָגט אין היץ אים אונטער ריחות, ווי פון וויין,
איז — שלאָפט ער איין,
און חלומט, חלומט — איבער דרייסיק יאָר,
און וועבט אַריין דעם חלום
אין די זילבער־ווייסע האָר.

תל־אביב, 1928.

ביים טאַטנס טיש

דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פינף ברידער.
ס'איז מיטאָג. אַכט טעלער, אַכט לעפל, ווי רידער,
אַכט קעפּ, ווי די אַנקערס — ביי יעדן געבויגן,
פאַרזונקען אין זיך, מיט פאַרנעפּלטע אויגן.

מ'זיצט אַרום טיש, ווי ס'וואָלט קיינער געזעסן,
מ'עסט, ווי ס'וואָלט יעדער אַליין זיך געגעסן,
אַליין זיך דאָס האַרץ מיטן מעסער געשניטן,
ווי יעדער וואָלט וועלן זיין אָפּגרונט פאַרשיטן . . .

און שווער ווי אַ שטיין איז ביי יעדן דער ביסן,
מ'קען נישט צעקייען, וואָס יעדער וויל וויסן
און פרעגט עס ביי זיך, אין פאַרביסענעם שוויגן;
פאַרוואָס, בלוט פון בלוט, איז זיך פרעמד און נישט אייגן.

דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פינף ברידער.
נאָך מיטאָג — צעגייט מען ווי אורחים זיך, ווידער
צוריק אין אַכט וועלטן; צוריק אויף אַכט ימען,
וואָס ברענגען אין שטורעם, אַכט שיפלעך צוזאַמען . . .

פון יענער נאַכט

פון יענער הייסער נאַכט —
ווען די מאַמע האָט די לאָדן שעמעוודיק פאַרמאַכט,
און דער טאַטע, ווי אַ מאַן — די טיר פאַריגלט —
אויפצועפּענען איר טראַכט
און מאַכן זי פאַר ווייב, —
פון יענער נאַכט,
איז אויפגעגאַנגען אין מיין מאַמעס לייב,
דאָס פינצטער מזל אַלעמענס אין אונדזער הויז,
און מער שוין נישט געוואָלט פון דאָרט אַרויס.

און ווי פון אייגן בלוט, אַ ביטער קינד אַ שלעכטס,
וואָס שרעקט זיך שוין נישט אָפּ פאַר קללה און פאַר פויסט, —
איז ס׳אומגליק יעדן איינעם אונדז באַשלאָפן אין די נעכט,
און אָט אַזוי — די טעג מיט אונדז געהויזט;
צעלייגט זיך און צעזעצט ביי אַלע ווענט
פאַרבראָכן מיט די הענט,
און ווי אַ שאָטן,
מיט אַ בליק צו אַלע און צו קיינעם נישט געווענדט, —
געוואַקסן און געעלטערט זיך אַזוי,
און זיך און אַלץ און אַלעמען פאַראַכט,
פאַר טאַטע־מאַמעס ערשטער, הייסער נאַכט . . .

טאַטע־מאַמעס צער

ליגט די גראָקייט אויף דער מאַמען,
וי אַ פּרעסטעלע אַ ווייס,
און דעם טאַטנס באָרד און פּאות
הענגען נאָך, ווי צעפּלעך אייז;
גייען זיי אַרום און קרעכצן:
אַלט געוואָרן פאַר דער צייט!
נישט דערלעבט די פרייד פון זען כאַטש,
איינס פון אַלע זעקס אַ „לייט" . . .
קוק איך, קוק אויף טאַטע־מאַמע,
און דאָס האַרץ טוט ווײ פאַר זיי,
פאַר די בלאָע אויגן מיינע
דאַכט זיך, שיט און פאַלט אַ שניי,
יאָ, אַ שניי, כאָטש ס'איז גאָר פרילינג,
און דאָס ערשטע בליעכטס פאַלט;
קוק איך, קוק אויף טאַטע־מאַמע
און עס לאָזט די זון מיך קאַלט.
עפּעס פיל איך זיך, ווי שולדיק
קעגן זיי אין זייער צער,
און איך מייד די בליקן זיי'רע
די דערשלאָגענע, דערפאַר.
בלייב איך אָפּט אַזוי פאַרלוירן
אינדערהיים בײם פענצטער שטיין,
און באַנעם, דערפיל מיט איינמאָל,
וואָס עס הייסט אַזוינס: פאַרגיין;
שטיי און וויקל אויף די ווייטקייט,
וואָס עס ליגט שוין הינטער מיר,
קום צוריק צו יענער קינדהייט,
וועלכע קריכט אויף אַלע פיר —
שטעלט זיך, פּרוּווט זיך, פאַלט און הייבט זיך,
און — די ערשטע גרויסע פרייד,
וואָס עס האָבן טאַטע־מאַמע
אַז עס גייט שוין, יאָ עס גייט.

ס'וואַקסט דאָס נחת, און צעוואַקסט זיך,
 ווי אַ יונג־פאַרזעצטע פלאַנץ,
ניין עס גייט נישט, נאָר עס לויפט שוין,
 ס'לויפט נישט, ס'דרייט זיך שוין אין טאַנץ,
דרייט זיך, דרייט זיך, און — פאַרדרייט זיך,
 ווי אַ יונגער הירש אין וואַלד . . .
און — אַ שאָס האָט אויפגעוועקט מיך:
 בין איך דרייסיק יאָר שוין אַלט !!
דרייסיק יאָר שוין, דרייסיק הירשן,
 קוים פון טויט זיך אויסגעדרייט;
גיי, און זיי אַ טרייסט דעם טאַטן,
 גיי, און זיי דער מאַמעס פרייד . . .
ליגט די גראַקייט אויף דער מאַמען,
 ווי אַ פרעסטעלע אַ ווייס,
און דעם טאַטנס באָרד און פאות
 הענגען נאָך, ווי צעפּלעך איז.

וואַרשע, 1930.

דער טאַטע ווײַנט

האָבן זיך צעוויינט דעם טאַטנס צוויי־און־זעכציק יאָר,
צעוויינט זיך אויף זיין שווער און ביטער לעבן:
— צו וואָס איך האָב דערלעבט ביי מיינע זילבער־ווייסע האָר! —
כ׳זאָל קינדער, שוין קיין קינדער נישט — נאָך געבן . . .

— קינדער דרייסיק־יאָריקע און — גיין פאָר זיי געשפאַנט,
און שלעפּן אויף דער עלטער נאָך דעם וואָגן, —
ווען ס׳ברעכן זיך די פיס שוין, און עס ציטערט שוין די האַנט,
און כ׳קען זיך באַלד אַליין שוין נישט דערטראָגן.

האָבן זיך צעוויינט דעם טאַטנס צוויי־און־זעכציק יאָר,
צעוויינט מיט שטיינער־רירנדיקע טרערן —
פאָר זיינע קינדער, וועלכע צוילן שוין די גראָע האָר,
פון אויסקוקן דעם מזלדיקן שטערן . . .

כ׳קען שוין נישט

— כ׳קען שוין נישט מער! — האָט דער טאַטע געזאָגט, —
און צו ווייזן ווי שווער ס׳איז די לאַסט, וואָס ער טראָגט —
פאַריסן די אויגן, צום הימל געווענדט
און פונאַנדערגעקרייצט די פאַרהאָרוועטע הענט.

— כ׳קען שוין נישט מער, כ׳האָב גענוג אייך געדינט!
און — די הענט, ווי צוויי פליגל צעבראָכן פון ווינט —
אַראָפּגעלאָזט שווער אין דער אייגענער וועלט,
און געשטאַנען, ווי ס׳וואָלט זיך אַ מיל אָפּגעשטעלט.

דעם טאַטנס שלאָף

שלאָפֿט שוין דער טאַטע נישט רואיק אַדורך זיינע נעכט,
עס וועקט אים כסדר פֿון שלאָף דאָס געשריי פֿון דער בויט.
און כ׳הער, ווי ער זאָגט מיט אַ קרעכץ צו דער מאַמען: ס׳איז שלעכט!
און ווינטשט זיך, אַז איידער אַ לעבן אַזאַ־אַ — דעם טויט.

און ס׳טרייסט אים די מאַמע: ס׳וועט בעסער זיין, שלאָף שוין,
ס׳איז שפּעט!
און — ווידער דערטרינקט און פֿאַרזינקט אַלץ אין פֿינצטערער טיף,
ווי יעדער וואָלט שווימען אין שלאָף אויף אַ הוידנדיק ברעט,
מיט מורא, אַז אונטערגיין זאָל נישט די שטוב, ווי אַ שיף.

שלאָפֿט נישט דער טאַטע. אינדרויסן — באַגינען שוין באַלד,
עס בלויט און ער קרעכצט, ווי אים וואָלטן די כוחות פֿאַרלאָזט,
און ס׳דאַכט מיר: ס׳איז ווינטער, און ס׳קנאַקט־וואו אַ דעמב אין אַ וואַלד,
און פֿאַלט מיט אַ דונער, אַנידערגעלייגט פֿונעם פֿראָסט.

דער מאַמענס שלאָף

חלומט זיך דער שוואַכער מאַמען, יעדע נאַכט — דער טויט,
און — ווײנט פון שלאָף און ס׳קלאָגט איר קול, ווי ווײט און אומבאַקאַנט,
און אַלע כאַפּן מיר זיך אויף צעשראָקענע פון שלאָף
און זעען: ס׳נעמט דער טאַטע איר פון האַרץ־אַראָפּ, די האַנט.

ווערט שטילער נאָך ווי ס׳איז געווען און אומהיימלעך אַזוי
ווי נאָר־וואָס וואָלט מען פונעם הויז אַרויסגעפירט אַ מת;
און ווען מיר שטייען אויף, נישט אויסגעשלאָפענע די נאַכט, —
דערזעען מיר פאַר זיך דעם טאָג, ווי אונדזער העלן נס . . .

צו טאַטע־מאַמע

ס'האָט זיך פון מיין יעדן חלום אויסגעלאָזט אַ טייך —
האָב איך טאַטע־מאַמע מיינע, נישט קיין טרייסט פאַר אייך . . .

כ'וויס — נישט איין נאַכט, האָט איר מיר געהאָלפן חלומען,
און געהאָפט, צו זען מיך אין אַ יידן העמדל, ווען.

ס'האָבן שכנים ווען מיר מיט אייך אַמאָל גערעדט
אַז, מען שמועסט, כ'וואַקס אַ „לייט", אַ שרייבער, אַ פּאָעט,

און פאַרשטאַנען האָט איר נישט : פאַרוואָס, פאַרוואָס אַזוי
זענען מיינע יונגע אויגן, נעפּלדיק און גרוי ?

און פאַרוואָס איך שוויג אַזוי, אומהיימלעך, שווער און שטום,
גיי אויף אַלץ און אַלעמען, אַ ברוגזער אַרום,

און מיך פרייט נישט, וואָס עס ליינט ווער, שוואַרץ אויף ווייס מיין ליד,
און עס וואַקסט אויך מיט מיין רום, דער טיפער אומעט מיט.

נישט פאַרשטאַנען האָט איר נאָך אַ סך פון אייער קינד,
ווען עס פירות ס'קלאַפּט איצט פונעם בוים אַראָפּ, דער ווינט,

נישט פאַרשטאַנען, אַז, ווען ס'האָט מיין לירע זיך צעשפּילט —
האָב איך שוין געהאָט דעם גורל מיינעם, פאַרגעפילט ;

האָב איך שוין פאַראויסגעזען, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, —
אַז עס וואַרט אין מאָרגן נישט, קיין ראָזע פּערד אויף מיר . . .

כ'האָב געוואוסט אַז דיכטער, הייסט: זיין איינער פון אַ סך,
וועלכער וועט זיך נישט צופרידנפרעדן אויף קיין שום שפּראַך.

און געוואוסט, אַז, דיכטער זיין, הייסט: זיין אין טאָל אַ קוואַל
און אַ שטייך, וואָס וואַקסט, געשלאָגן פון אַ וואַסער־פאַל . . . —

האָב איך טאַטע־מאַמע מיינע, נישט קיין טרייסט פאַר אייך, —
ס'האָט זיך פון מיין יעדן חלום, אויסגעלאָזט אַ טייך . . .

וואַרשע, 1932.

אַ היים אַזאַ . . .

ווער ס'האָט געהאַט אַ היים אַזאַ ווי איך,
אַ קינדהייט אַט אַזאַ, ווי איך אין איר —
דעם, וועט דער אומעט און דער טרויער אויך
אַ לעבן לאַנג שוין נאָכגיין, ווי נאָך מיר.

דער וועט ווי איך — אַ לעבן לאַנג אַזוי
אַרומגיין מיט אַ נישט פאַרהיילטער וואונד,
און ס'וואַרעמע און טריפנדיקע בלוט
אַרומלעקן אַליין זיך, ווי אַ הונט;

און ווי אַ הונט — אַליין זיך זיין געטריי,
און קוקן אין די אויגן זיך אַליין,
און הערן אייגן האַרץ־קלאַפּ, אייגן טראָט,
און גיין דעם וועג, וואָס פירט צום אונטערגיין.

און ווי אַ הונט — פאַר עלנט און פאַר צער —
צעבילן זיך, און אַ צעוואָיע־טאָן,
אַנטקעגן דער לבנה אין דער נאַכט,
בייטאָג — אַנטקעגן פּנים פון דער זון.

היים דער מאַמען וואַרטן . ..

גיי און היים דער מאַמען,
וועלכע טראָגט אין קול געוויין און קלאָג,
און אין די הענט — דעם בראָך פון הונגער־יאָרן, —
גיי און היים זי וואַרטן אויפן טאָג,
ווען איך, דער זון, און נאָך אַזעלכע זין
פון צער און צאָרן —
וועלן אויפפראַלן מיט אויפגעפלאַצטן כעס,
די טירן פון דער נויט־באַוואויגטער גאַס,
און ווי אַרויספאַלן מיט הויט און ביינער,
און צעשיטן זיך, צעשיטן זיך, ווי שטיינער,
אַז די שויבן ביי די זאַטע שכנים
זאָלן ציטערן און קלינגען —
ווען צוזאַמען, ווען אינאיינעם,
וועט מען שרייען אין לשער: גענוג! גענוג!
עס האָט זיך אָפּגעבראָכן שוין
דאָס אויער פון דער קרוג,
און אויסגעטרונקען האָבן מיר שוין, ביז צום דנאָ
די ביטערניש פון כוס.
נאָר, גיי און היים דער מאַמען וואַרטן, אַז זי שרייבט:
מיין זון, ס'איז ווינד און ווי אַזוינס צו שרייבן,
אַז מיר זענען אַלע נאַקעט, הויל,
(אָבי דו טרייסט זיך, אַז ס'וועט לאַנג אַזוי נישט בלייבן)
ס'קומען, ווי צו גאַסט אין שטוב,
דאָס ברויט און שטיקל קויל,
און ס'ציען ווי לוויות זיך, די טעג פון גרויל;
לאַ־די, מען הונגערט — פרירט מען אויך,
לאַ־די, מיר פרירן — ווערן מיר פאַרהאַסט
פון די, וואָס שרייען, אַז מיר פאַלן זיי צו לאַסט,
און — ברענען אונדז די טריט,
און יאָגן אונדז, ווי הינט,
און איך גיי אויס, גיי אויס פאַר נויט און שרעק, מיין קינד!

דער מאַמענס זאָרג

די מאַמע זאָרגט זיך איבער מיר:
צי האָט ער דאָרט, דער זון, אין ווייטער פרעמד,
כאָטש ברויט צו זעט,
אַ שטוב, אַ בעט
און אויפן לייב — אַ העמד?!...
און איך דאָ, טראַכט: אַז, וואויל און גוט איז מיר,
וואָס כ'בין אַרויס
פון טאַטע־מאַמעס הויז
פון בויט;
אַרויס, ווי פון אַ בראַנד —
געפינען היים,
געפינען לאַנד
און ברויט
פון נישט קיין אויסגעשטרעקטער האַנט.
און איך דאָ טראַכט: אַז, וואויל און גוט איז מיר,
כאָטש כ'האָב נאָך וויט נישט, ס'בויטיקסטע אַליין;
דערמאָן איך זיך ביים עסן אָן דער מאַמען —
איז מיר יעדער ביסן ברויט — אַ שטיין.

תל־אביב, 1935.

היימפּרעמד

ס'איז יעדנס היים, אַ היים,
ס'איז יעדנס היים, אַ נעסט,
אַ וואַרעמע — אין פרייד,
אַ קאַלטע — אין אַ טרויער;
און ז'איז אַזוי דיר ליב
מיט אַלץ, וואָס דו נאָר זעסט
אין איר, און זאָרגסט פאַר איר
און היטסט איר טיר און טויער.

ס'איז יעדנס היים, אַ וועלט
מיט וועלטעלעך אין זיך,
מיט לעבנס, וואָס מען לעבט
אין שפע און אין מאַנגל;
נאָר, ס'לעבן רייסט אַמאָל
אין שטראָם, פונאַנדער דיך
פון אייגענע — אין ראָד
פון אייביקן געראַנגל.

אינדערהיים פון טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער —
דערזען האָב איך די וועלט; באַקענט דאָס לעבן
פון וועלכן כ'האָב גענומען מיינע לידער
און דערנאָך — זיי טרויעריק צוריקגעגעבן.

אינדערהיים פון טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער —
וואו יעדער האָט געהאַט זיין פיין־מגילה —
פאַרפאַסט האָב איך מיין אייגענעם אַ סידור
מיט אַן אייגענער אַ סליחה און אַ תפילה.

כ'האָב תפילה געזאָגט אינדערהיים, אויף מיין אייגענעם שטייגער:
בלחש, מיט ליפּן, וואָס האָבן זיך קוים ווי באַוואויגן;
אַ תפילה אין זיך, אינדערטיף פונעם אייגענעם נפש,
אַ טיף, וואָס מען קען נאָר באַלייכטן מיט אייגענע אויגן.

כ'האָב תפילה־געזאָגט פאַר דער שיינקייט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן,
(ווען גאָט האָט געוואוינט נאָך אין אַלץ און אין יעדן באַזונדער) —
ווען כ'בין פאַרן לעבן געשטאַנען — אַ הירש קעגן יעגער —
מיט פּחד פאַר יעטוועדן סוד און פאַר יעטוועדעס וואונדער.

מיין היים — אַ וועלט מיט סודות און מיט וואונדער,
און ס'גרעסטע וואונדער, איז געווען אין איר, די פרעמד,
וואָס האָט געהאַלטן אַלעמען באַזונדער —
פון אייגן פלייש און בלוט, דערוויטערט און פאַרשעמט.

ווייל ס'האָט די היים־פרעמד ווייטיקלעך געשריגן
פון יעדנס פרעגנדיקע אויגן, אויף באַשייד —
האָט יעדער, אומפאַרענטפערט — שווער געשוויגן,
און שטום — בדימיון, זיך פאַרטראָגן אין אַ ווייט.

דער טאַטע, די מאַמע, פינף ברידער, איין שוועסטער:
אַכט וועלטן פאַר זיך, אין אַ היים, אַ געפרעסטער,
אַ היים נישט קיין היימלעכע, וועלכע פלעגט יאָגן
מיט פרעמדקייט, און אַלעמען האַלטן דערשלאָגן.

דער טאַטע, די מאַמע, פינף ברידער, איין שוועסטער
און איך — בין געווען אינדערפרעמד אין דער גרעסטער;
און מיך, האָט די היים־פרעמד צום שטאַרקסטן פאַרביטערט,
ווייל כ'האָב איבער אַלעמענס לעבן געציטערט.

כ׳האָב געציטערט איבער אַלעמען און איבער זיך אַליין —
ווייל כ׳האָב פֿאָראויסגעזען אַ יעדנס מאָרגן — אינדערבלינד ;
ווייל כ׳האָב געפילט אַז יעדער זעט פֿאָראויס שוין, זיין פֿאַרלוירנגיין,
ווי ס׳גייט פֿאַרלוירן ווען אַ שיפֿל, וואָס פֿאַרלאָזט זיך אויפֿן ווינט.

אויפֿן ווינט, אַכט שיפֿלעך ; אויפֿן ווינט, אַכט לעבנס פֿון אַ היים
וואו זעלטן האָט פֿון עמעצן צעשמייכלט זיך די פֿרייד ;
וואו יעדער איז, ווי נישט פֿון איין־און־זעלביקער משפּחה : בוים, —
געוואָקסן האַרבסטיק, אָפּגעזונדערט, אונטער איין און זעלבן פּלויט.

אונטער איין און זעלבן פּלויט — אַ לעבן אין אַ הויז,
וואָס האָט ווי אומבאַוואוינט — זיך אויסגעדאַכט ;
אַ הויז — אַ היים אַ טרויערִיקע ; אַ היים — אַ וועלט מיט צער
פֿון אומבאַהאָלפֿענע נפֿשות, אַכט.

תל־אביב, 1939.

היים

זאָל עס זיין אין אַ לייוונטן צעלט,
אין אַ כאַטקע פון שטרוי און פון ליים,
זאָל עס זיין, וואו ס׳זאָל זיין אין דער וועלט, —
נאָר, אַן אייגענע, וואַרעמע היים.

לאָמיך וויסן וואו כ׳זאָל נאָר נישט זיין,
אַז ס׳איז ערגעץ פאַראַן הינטער מיר,
אַזאַ האָב און פאַרמעג, וואָס איז מיין,
אַז ס׳דערוואַרט מיך אַ שוועל און אַ טיר;

אַז אַ פענצטער קוקט אויס מיך פון וועג,
פאַרן פענצטער: אַ בוים און אַ באַנק,
און אין שטוב: אַזאַ אָרעם פאַרמעג,
וואָס איז ליב, ווי אַ טייער געשאַנק:

ס׳ליגט די רו איבער אַלץ און אויף אַלץ,
און דאָס אַלץ, איז: אַ טיש און אַ בעט,
אויפן טיש: ברויט, אַ מעסטעלע זאַלץ,
און אַ מעסער, אויף שניידן צו זעט.

און אַ יום־טוב, איז: אוגערקעס, קרויט,
און עס קיצלט דער אָקרעפּ אין נאָז,
און מען כראָמקעט דאָס זויערס מיט ברויט,
און ס׳איז גוט, כאָטש מען ווייסט נישט מיט וואָס...

און ווען ס׳פאַלט שוין דער טאָג אויף די פיס
און צעלייגט ווי אַ שעפּס זיך אַזוי —
שלאָפט די נאַכט זיך אַדורך אַזוי זיס,
ווי אויף נאָר־וואָס געקאָסעטן היי.

זאָל עס זיין אין אַ לייוונטן צעלט,
אין אַ כאַטקע פון שטרוי און פון ליים,
זאָל עס זיין, וואו ס׳זאָל זיין אין דער וועלט, —
נאָר, אַן אייגענע, וואַרעמע היים.

פונדערפרעמד

ס׳איז ווי צו דעם, וואָס, פּאַטערלאַנד, איז אים די גאַנצע וועלט,
און האַלט פּאַר שוועסטער, ברידער — אַלע מענטשן אויף דער ערד;
עס האָט אַזאַ אַפילו נישט קיין אָרט אויף אַ געצעלט,
און ס׳בלייבט אַזאַ־אַ, ווי אַ קול אין מדבר נישט געהערט.

איך האָב אַליין שוין דורכגעוואַנדערט לענדער פיל און שטעט
און צוגעאייגנט אַלץ, וואָס איז געוועזן מיר ווייט און פרעמד,
און האָב אײנערגעץ זיך מיט קיינעם, ווי מיט מענטש — דערעדט,
און קאַלט איז מיר געוועזן, אַפילו אויפן לייב, דאָס העמד...

איך זאָג עס סתם אַזוי, צו קיינעם נישט, צו זיך אַליין;
עס פאַלן רייד אַמאָל, ווי פרוכט געריסן פונעם ווינט;
אַ מענטש פון „אומעטום" איז אומעטום אויך, ווי אַ שטיין,
און הילפלאָז צום פאַרלוירנגייך, און עלנט, ווי אַ קינד.

און גוט איז אײנדערפרעמד נאָר דעם, וואָס טראָגט אין וואַנדער מיט
פון היים פון אייגנער, פון היימישקייט — די וואָרעמקייט,
וואָס שטאַרקט אין ווייטסטן און אין אומבאַקאַנטסטן וועג, די טריט,
און מאַכט זיי זיכער מיט דער זיכערקייט פון אייגן ברויט.

פאַראַנען, יאָ פאַראַן אַ נישט־צעטיילבאַר האָב און גוט:
געפיל צו היים, צו לאַנד, צו אייגן אויפגעאַקערט פעלד,
און בענקשאַפט צו דער ערד, וואָס שמעקט מיט אייגן שווייס און בלוט —
איז — ווי צו דעם, וואָס, פּאַטערלאַנד, איז אים די גאַנצע וועלט.

אַפּריז, 1937.

אַז כ׳ליין אַמאָל . . .

אַז כ׳ליין אַמאָל, ווי עמעץ שרייבט:
איך בענק נאָך דיר מיין פאָטערלאַנד,
און כ׳ווער פון בענקשאַפט, ווי צעריסן אינדערפרעמד, —
בין איך מקנא דעם, וואָס בענקט אַזוי,
און כ׳וואָלט פון קנאה, זיך צעוויינען נישט געשעמט —
וואָס מיר איז פרעמד, די ליבע צוגעבונדנקייט
צו אַלץ, וואָס שמעקט מיט היים מיט אייגענער, אויף ערד
וואו ס׳איז אַ דאָרפישער, ביי זיין אַהיימקום, גרייט
פאַר פרייד, זיך וואַרפן אויפן האַלדז — דער קו,
און זיך צעקושן מיטן הונט און מיטן פערד.

אַז כ׳ליין אַמאָל, ווי עמעץ שרייבט:
איך בענק נאָך דיר, מיין פאָטערלאַנד, —
דערפיל איך ערשט, ווי אויסגעוואָרצלט און ווי היימלאָז כ׳בין,
און ס׳ווערט מיר קלאָרער אויך, פאַרוואָס
כ׳בין שטענדיק גרייט צו וואַנדערן,
און קיינמאָל נישט צו פרעגן: וואוהין.

פאַריז, 1937.

איז מען פרעמד . . .

איז מען פרעמד, ווי אַ שטיפקינד ביי זיך אינעם לאַנד,
וואו מען האָט אין דער קינדהייט געמאָזלט, געפּאָקט, —
קען נישט טרייסטן די אָפענע טיר אינדערפרעמד,
וואו דאָס אייגענע פאָטערלאַנד האָט דיך פאַריאָגט;

דיך פאַריאָגט און פאַרטריבן צו זיין נע־ונד
פאַר דער זינד פון נישט אַריש, נישט קריסטלעכן בלוט,
צי דערפאַר, וואָס דו וואַגסט ווידערשפּעניק צו זיין
קעגן מלכות, וואָס בייטשט און הייסט קושן די רוט . . .

איז מען פרעמד ווי אַ שטיפקינד ביי זיך אינעם לאַנד —
איז מען פרעמד אומעטום, וואו עס זאָל נאָר נישט זיין;
איז מען פרעמד, ווען מען נעמט דיך אַפילו וואו אויף,
און מען לאָזט דיך צו זיך, ווי אַ נשרף אַריין.

איז מען פרעמד, ווי אַן אורח ביי יענעם אין שטוב,
אויף דערוויילִיקע נעכט, אויף דערוויילִיקע טעג,
און דערנאָך, און דערנאָך — אָפּצודאַנקען פאַר אַלץ,
און אַ פרעמדער — פאַרנעמען זיך ווייטער אין וועג.

איך בענק נישט אַהיים

איך בענק נישט אַהיים,
ווי כ'וואָלט קיינמאָל קיין היים נישט געהאַט,
וואָס פאַרבינדט;
אין אַ היים אינדערפרעמד —
איז אַ מענטש, ווי אַ בלאַט
אויפן ווינט;
אַזאַ בלאַט בין איך שטענדיק געווען
אויפן בוים פון מיין שטאַם,
וואָס זויגט שוין יאָר־טויזנטער סם
פון דער ערד, אינדערפרעמד,
וואו מען בויט אויפן ווינט,
אויפן ווינט, וואָס צעטראָגט און צענעמט.

פאַריז, 1937.

ס׳איז אומעטום גוט

ס׳איז אומעטום גוט, אינדערהיים אָבער — בעסער,
נאַר, וואו איז מיין היים? און וואו איז זי נישט?!
כ׳געהער צו אַ פאָלק, וועמ׳ יאָר־טויזנטער האָבן
די שפורן פון היים און פון לאַנד, שוין פאַרווישט.

כ׳געהער צו אַ פאָלק, וואָס האָט ווינט אין די בלוטן,
און אומרו פון שטורעמס, וואָס יאָגן אים נאָך,
און כוח פון קעמלען, וואָס ציען אָן אויפהער
אין וויסטקייט, באַלאָדן מיט היימלאָזן יאָך.

דערפאַר איז די וועלט מיר אַ היים, כאָטש זי וואַרט מיך
נישט אָפּ, און זי קוקט מיך פון ערגעץ נישט אויס,
און נעמט מיך נישט אויף אַזוי היימיש און וואַרעם,
ווי ס׳קומען צום אייגענעם טאַטן אין הויז.

דערפאַר ברענט די קנאה אין מיר צו די פעלקער,
וואָס וואַרצלען אין אייגענע היימען אויף ערד,
און בליען און וואַקסן געזונט זיך פונאַנדער, —
פון וועלן מיט אייגענער שניט־צייט גענערט.

דערפאַר קוקט די פרעמד מיר אַרויס פון די אויגן,
וואָס זענען מיט נעפּלען פאַרהויכט און פאַרווישט;
ס׳איז אומעטום גוט, אינדערהיים אָבער — בעסער,
נאַר וואו איז מיין היים? און וואו איז זי נישט?!

פאַריז, 1937.

אויפֿן ווינט

אַ זינגער, וואָס זינגט אויפֿן ווינט,
הערט אַליין נישט זיין אייגן געזאַנג,
און דערקענט נישט זיין אייגענער שטים,
און דערקענט נישט זיין אייגענעם קלאַנג,
און ס׳איז פֿרעמד אים דאָס אייגענע ליד,
וואָס דער ווינט נאָר כאַפּט אויף און צעטראָגט,
און צעשיט עס, ווי בלעטער אין האַרבסט
פֿון אַ נאַקעטן בוים, וועלכער קלאָגט.

אַ זינגער, וואָס זינגט אויפֿן ווינט,
איז אַ זינגער, וואָס האָט נישט קיין היים,
און אַפֿילו נישט, איבערן קאָפּ
כאָטש אַ דאַך־וואו פֿון שטרוי אָדער, ליים;
איז אַ זינגער אַזאַ־אָ, ווי איך,
וועלכער פֿילט אונטער זיך נישט די ערד,
ווייל איך האָב הינטער זיך נישט קיין לאַנד
אויף צו פֿילן די אייגענע ווערט.

פּאַריז, 1937.

אַ היים ווי אַ העמד . . .

ווער ס'איז לייכט אויף צום טוישן זיין היים, ווי אַ העמד —
דער איז אומעטום פרעמד
און נישט זיכער, נישט גאַנץ,
ווי אַ ווילד־פרעמדע פלאַנץ,
וואָס וואַקסט־אויס אומגעריכט,
נישט געוואָרעמט פון שטראַליקן, זוניקן ליכט,
נאָר אין שאָטן אַזוי, אויף אַ זייטיקן וועג —
בלויז פון ווינטן גענערט,
אַ געוויקס נאָר אויף טעג,
אַן אַנעמיש געוויקס, וואָס שטאַרבט אָפּ אינדערפרעמד,
ווי אַ מענטש, וואָס טוישט שטענדיק זיין היים, ווי אַ העמד.

יעדע היים

יעדעס לאַנד, יעדע היים, האָט איר זינגער,
וועלכער זינגט פון איר טרויער און פרייד;
מיט אַ היים איז אויך לייכטער און גרינגער
צו פאַרטראָגן די פרעמד אין אַ נויט.

יעדער מענטש מוז פאַרבונדן מיט ערד זיין,
ווי אַ בוים, וועלכער ציט פון איר זאַפט;
און אַ דיכטערס אַ ליד קען דערהערט זיין,
אויב עס אָטעמט מיט ערדישער קראַפט.

וואָס׳ער הימלאַנד — אַזעלכע געזאַנגען
וואָס׳ער לעבן — אַזאַ דאָס געמיט;
יעדעס לאַנד גיט איר זינגער די קלאַנגען,
יעדע היים איז דער שליסל צום ליד.

פון גאָר דער וועלט

פון גאָר דער וועלט, צו גאָר דער וועלט —
אַ טרויעריקן ברידער־גרוס,
פון גרענעצן, געשוואַרצט צו פוס,
מיט שיפן און מיט באַנען.
כ׳האָב זיי איצט באַגעגנט אין פּאַריז דאָ —
הימלאָזע, פּאַרוויסטע,
נישט צו פרעגן זיי פונוואַנען —
אויפן „פּלעצעל״, „רעפּובליק״, „בעלוויל״ —
געקומענע געפינען דאָ אַזיל.
און טרויעריק איז מיר פון זיי געוואָרן,
כאָטש כ׳בין איינער אויך פון זיי:
אַ וואַנדער־פויגל, וועלכער קלאַגט שוין יאָרן
אויף זיין הים־לאַנד־וויי; —
איז טרויעריק געוואָרן מיר פון זיי,
ווען כ׳האָב זיך אין פּאַריז מיט זיי געטראָפן,
ווי אַ נשרף מיט נשרפים
פון נישט איין מדינה,
וואו ס׳האָט פינצטערניש, מיט פייערן פון שנאה
זיי געטריבן „שוואַרצן״ גרענעצן
מיט שיפן, באַנען און צופוס
און — אָפּגעבן פון זיך דער וועלט
אַ טרויעריקן גרוס.

פּאַריז, 1937.

אַ מענטש אין אַ היים

אַ מענטש דאַרף וואָרצלען אין אַ היים,
ווי ס'וואָרצלט אין דער ערד, אַ בוים;
אַ מענטש — אַ בוים, וואָס זויגט און ציט
פון דר'ערד דעם זאַפט, און וואַקסט און בליט,
און איז צעצווייגט און אויסגעשטעלט
אויף אַלע וואונדער פון דער וועלט:
אויף זון, אויף רעגן און אויף צוויט,
אויף פרוכט, אויף צייטיקייט און שניט,
אויף האַרבסט־ווינט און אויף בלעטערפאַל,
אויף מאָכיקייט, ווי גרינע גאַל,
אויף ווינטער־קעלט, אויף ווייסן ראָסט,
אויף זאַוויערוכע, שניי און פראָסט,
אויף לאַנגע נעכט און קורצע טעג,
און — גרייט זיין פאַר דער האַק און זעג.

תל־אביב, 1939.

טויזנט מאָל דאָס זעלבע ליד

היים און היים
און — טויזנט מאָל דאָס זעלבע ליד —
קען זינגען דער, וואָס פילט ווי איך, דעם שניט;
קען זינגען דער, וואָס טראָגט דעם ריס און בראָך
פון פאַלן אינדערפרעמד —
אַ שטיין פון לאַסט און יאָך.

איך קען זי שוין, די פרעמד,
זי איז מיר גוט באַקאַנט,
זי האָט מיר שוין נישט איינמאָל אויסגעשטרעקט איר האַנט, —
אַ האַנט מיט ווינט און קעלט,
אַ האַנט, וואָס ווייזט אַ היימלאָזן נישט אָן
אַן אָרט, אַוועקצושטעלן כאָטש אַ צעלט.

איך קען זי שוין, די פרעמד,
זי איז מיר גוט באַקאַנט
אַפילו דאָ, ביי אונדז,
אין אונדזער „אייגן" לאַנד,
אין מיין אומשטיינסגעזאָגטער: צווייטער היים,
וואו מיינס איז דאָ אַפילו נישט
דער שאָטן פון אַ בוים,
אַ שאָטן פאַרן פייער פונעם הימל
און פאַר גלי פון ערד,
וואָס גיט פון שווייס און בלוט דאָ, ווייַן צו די
ביי וועמען מ ע נ ט ש איז ביליקער פון פערד...

איך קען זי שוין, די פרעמד, —
פון גיין צו איר, פון איר,
ווי ס׳קומט און ס׳גייט אַ פרעמדער אורח
דורך אַ הינטער־טיר;
מיט הינטער־גענג און הינטער־וועגן —
אין דער וועלט אַריין,
די וועלט — די היים פאַר הימלאָזע,
וואָס קומען, לאַנג נישט זיין.

תל־אביב, 1938.

היימוויי

דער עפּל פאַלט נישט ווייט פון בוים
און היים־וויי, איז נישט קיינעם פרעמד
אין בענקשאַפט נאָך דער ווייטער היים,
וואָס נאָענט איז, ווי צום לייב דאָס העמד:

און היים־וויי, איז: אַ טיפע וואונד
אין שטאָם, וואָס זיינע וואָרצלען שלאָגט
אַפילו אין אַ וואַגאַבונד,
וואָס האָט פון היים זיך אָפּגעזאָגט.

אונטער שוואַרצע הימלען

1945 — 1937

***

ציען וואָלקנס שווער ווי בליי —
זינגט דער פויגל אויך נישט פריי,
פּאַלט דאָס ליכט פון אונטערגאַנג
אויך אַריין אין זיין געזאַנג,
יאָגט אַ שטילער אומרו אָן
פון זיין יעדן קלאַנג און טאָן,
ס'ווייסט נישט וואָס און ס'ווייסט נישט ווען,
נאָר עס פילט, אַז ס'וועט געשען,
ס'איז נישט אומרואיק אומזיסט —
שטורעם טראָגט אַראָפּ, פּאַרוויסט,
און — דער פויגל ווי געפּרעסט —
זינגט און טרויערט פאַר דער נעסט.

עס שמעקט מיט פולווער

אַז ס׳שמעקט די לופט מיט פולווער און מיט שרויט,
מיט גיפט פון האַס,
מיט מאָרד,
מיט גאַז,
מיט טויט —
ווי זאָל אַ פויגל אויף אַ צווייגל וויגן זיך
און זאָרגלאָז זינגען פאַר דער נעסט,
און פרואוון זיינע פליגל צו אַ פלי־פּאַרמעסט,
אַז — ס׳זענען הימלען אויך שוין מער נישט
אומבאַגרענעצט, פריי;
אַז — ס׳פליען פייגל שטאָלערנע אין זיי אַרום
און טראָגן און צעטראָגן מיט אַ שניידיקן געזשום
פונאַנדער אין דער טיפער בלאָקייט — בליי
און אָנזאָג אויף אַ פייער־שטורעם
פון אַ שדים־טאַנץ.
וואָס וועט אַ גרעזעלע אויף דר׳ערד, נישט לאָזן גאַנץ.
ווי זאָל אַ פויגל אויף אַ צווייגל וויגן זיך
און זאָרגלאָז זינגען פאַר דער נעסט
און פרואוון זיינע פליגל צו אַ פלי־פּאַרמעסט.

ליד פון דער צייט

אַז ס'האָבן ווינטן אויפגעריסן טיר און טויער פון דער וועלט
און שוואַרצער, רויטער שטורעם — איינגעלייגט שוין ווענט
אויך פון גראַניט.
ווי קאָן אַ רייד־זיין פון געפינען ערגעץ רו אין אַ געצעלט,
אויף קאָנען אויסטראָגן דאָס שטילע, ציטעריקע יחוד־ליד.

אַז פיינטלעכע אַרמייען טרעטן מיט די שטיוול אַלץ אין גאַנג
און לאָזן אויף די פעלדער נישט אַ גרעזעלע אַפילו גאַנץ, —
ווי זינגט מען אַנדערש דאַן, אויב נישט אַ הפקר זעלנעריש געזאַנג,
ווי טאַנצט מען דאַן אַ טאַנץ אַן אַנדערן, אויב נישט דעם טויטן־טאַנץ.

אַז טיף געפאַלן איז דער מענטש — דער שפּיגל פון דער וועלט, די קרוין
און מיט דער קרוין — דאָס ליכט, וואָס האָט אין פינצטערניש
געלויכטן העל —
ווי קאָן אַ דיכטער פּראָווען נאָך התבודדות, און זיין אַליין,
ווען פייער פון אַ וועלט־שריפה איז נאָענט שוין ביי יעדנס שוועל.

דייטשלאַנד

אין דייטשלאַנד פלאַטערן מיט זיג די פענער;
גלאָקן קלינגען, די טרומייטן שאַלן:
פייער פאָלק, אַ יום־טוב נאָך אַ יום־טוב!
לענדער פאַלן אונטער אונדז און פאַלן!
הייל און האָך
און — דייטשלאַנד, דייטשלאַנד
איבער ברוך און בראָך.

טריאומף פון חורבן און צעשטערונג —
הייל און האָך!
טריאומף פון טויט —
טריאומף פון היטלער, גערינג
און פון נאָך
אַזעלכע, וועלכע רעווען ווי די אָקסן:
הייל און האָך!

אָ, האַקן־קרייצלער פונעם דריטן רייך!
צו אייער שוואַרצן זיג —
שוואַרץ־חגא, אייך,
שוואַרץ־חגא!
הייל און האָך!
עס ווינטשן אייך און ס'ווינטשן זיך מיליאָנען —
אייער אייגענעם צוזאַמענברוך און בראָך.

אַמאָל...

אַמאָל, האָט דאָס וואָרטן אויף פרילינג, באַדייט:
דאָס וואָרטן, עס זאָלן די טייכן זיך רירן —
צו פילן אַליין זיך פון גליוועך באַפרייט
און שטיין אין די אָפענע פענצטער און טירן;
און אויפנעמען מאַי־טעג, ווי ליבלעכע געסט,
וואָס קוקן מיט וואַרעמע אויגן, ווי טויבן,
און טרייסטן דיך, טרייסטן: דו וועסט נאָך און ווערסט — — — —
און מאַכן דאָס האַרץ פול מיט ציטער פון גלויבן.

און היינט, איז דאָס וואַרטן אויף פרילינג — די שרעק
פאַר קענען דאָס לעצט־ביסל גלויבן, פאַרלירן;
די שרעק פאַר די בלוטיקסטע וואָך־געכט; פאַר טעג
פון ברוינע חיילות, וואָס וועלן זיך רירן — — —
זיך רירן אין מאַרש, צו פאַרוואַרפן דער וועלט
די פעטליע די ברוינע פון מאָרד און פאַרניכטונג,
אַז, לאַנג זאָל נישט אויפגיין קיין גראָז אויפן פעלד,
אַז, לאַנג זאָל נישט אויפגיין ביי דיכטער, קיין דיכטונג.

וואַלקנס

ברוינע וואָלקנס; שוואַרצע וואָלקנס — אַלע הימלען שוין פאַרצויגן,
ווי מיט רויך מיט שטיקנדיקן, פון אַ וועלט־וואַלד אַ צעברענטן:
און — מיט פינצטערניש פאַרצויגן איז דאָס ווייסלעכץ פון די אויגן,
און די אַפּלען שפּיגלען פייער אָפּ, פון אַלע קאָנטינענטן.

איז דער שטילער ים, נישט שטיל איצט; רויט איצט זענען אַלע ימען
רויט פון בלוט, און — ס'גיסן בלוטיק זיך צונויף די אָקעאַנען,
דורכגעשניטענע פון שיפן, וועלכע שפּייען פייער־פלאַמען
אויסבאַהאַלטענע, פאַרשטעלטע, הינטער קינסטלעכע טומאַנען.

וואו אַ לאַנד־ברעג; וואו אַן אינדזל; וואו אַ ישוב אַ פאַרלעגן;
וואו אַ פּוס האָט נאָר באַטראָטן, מיט דער ערד זיך אָפּצוגעבן —
האָבן ברוינע, האָבן שוואַרצע רויב־פייגל, פאַרכאַפּט די וועגן,
אַז עס זאָל נישט איבערבלייבן נאָכן טויט, קיין שפּור פון לעבן.

עס שרעקט...

עס שרעקט די שטילקייט איצט, די רו,
ווי ס'שרעקט אין ווילדן דזשונגל־וואַלד;
וואָס גרייט דער שד, דער „ברוינער" צו,
דער שד, וואָס לעבט פון דעם, וואָס ס'פאַלט!...

ווער ווייסט, וואָס ס'לויערט אינדערשטיל
פון שונאס שוואַרצן לאַגער איצט!
ס'איז זיכער ערב שדים־שפּיל,
וואָס האָט געשטורעמט און „געבליצט"

און האָט אין פייער און אין בלוט
דערטרונקען שטעט און לאַנד נאָך לאַנד,
וואו ווינטיק פייפט דער ברוינער קנוט
און ווי גייט איבער ברעג און ראַנד;

און פעלקער גייען אויס פון פּיין,
און פעלקער גייען אויס פון נויט,
ווי ס'זאָל נישט קענען אַנדערש זיין
נאָר, שטאַרבן פון אַ ברוינעם טויט...

איצט שרעקט דער ברוינער שד, וואָס וואַכט
אין שטילקייט, פאַר זיין טויטן־שפּרונג,
און ס'איז נישט טאָג; און ס'איז נישט נאַכט,
נאָר טיפע, טיפע דעמערונג.

מענטשן — שאָף

בלוט און בלוט און בלוט־דורשט אָן אַ סוף,
ווי ס'וואָלט די גאַנצע וועלט אַ שעכט־הויז זײַן;
ווי ס'וואָלטן מענטשן אָקסן זײַן, און שאָף,
וואָס גייען אויך נישט פרײַוויליק אַרײַן
אין שעכט־הויז, און זיי קערן אָפּ די קעפּ
פון וועג, וואָס פירט און שמעקט מיט בלוט פון שלאַכט,
נאָר מוזן אונטערגעבן זיך די קלעפּ
פון דעם, ביי וועם דער חלף נאָר, איז — מאַכט . . .

און אָקסן גיבן אויך נישט גרינג און לײַכט
אַוועק דאָס לעבן דעם, וואָס שעכט און שינדט
און מאַכט זיך פעט פון זיי און מאַכט זיך רײַך,
און האַלט אויך מענטשן, ווי די שאָף און רינד;
און שאָף איז גלויביק און געהאָרכזאַם, שטיל,
און גייט פאַרטרווילעך זייער פאַסטוך נאָך,
און דער וואָס פירט — קען פירן וואו ער וויל,
אַ סטאַדע טראָגט געדולדיק אויס דעם יאָך . . .

עס רוקן זיך נאָר אײנצלנע אַרויס
און ווילן מער נישט נאָכגיין בלינדערהייט,
און טוען מיט רעוואָלט זיך אַ צעברויז
און זענען זיך אַ קרבן ברענגען גרייט —
פאַר די, וואָס האָבן לאַנג שוין זייער מוט
פאַרלוירן אינעם טיף־דערשלאָגן־זײַן,
ווי הינט, וואָס קענען זיך נאָר לעקן ס'בלוט
פון זייער וואונד און וויי, פון זייער פּײַן.

ס'קען נאָר אָן איינצלנער אַ וואָרף־טאָן ווען
דאָס לעבן זיינס, פאַר שווערע לעבנס פּיל,
און אונטערצינדן מיט זיין צאָרן־ברען
אַ וואַלד — דער וואַלד פאַרכאַפּן זאָל די מיל,
די שוואַרצע מיל פון אַלע קערנער שלעכטס,
די שוואַרצע מיל — די שוואַרצע רויבער־נעסט,
וואו ס'ווערט פון בלוט פאַרקאַכט אַ שוואַרץ געקעכטס,
וואָס טראָגט פונאַנדער טויט און שוואַרצע פּעסט.

צו מײַן ברודער: גאָרילע

אורשפּרינגלעכער ברודער מײַן: גאָרילע,
שעמען, שעמען דאַרפסטו זיך מיט מיר —
דעם מענטש — דער מענטש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
וועלכער קערט זיך אום צוריק צו דיר —
צו ווערן אין די אורוועלדער באַוואונדערט
פאַר די ווילדע שטיק און ווילדן גאַנג;
באַוואונדערט פון דײַן קעניגין: שימפּאַנזע,
און פון קעניג דײַן: אָראַנגוטאַנג . . .

אורשפּרינגלעכער ברודער מײַן: גאָרילע,
שעמען, שעמען דאַרף איך זיך פאַר דיר,
ווי כ'שעם זיך מיט מײַן ברודער: מענטש — דער אוממענטש,
וועלכער דאַרף בלויז גיין אויף אַלע פיר;
אויף אַלע פיר, אין פראַק און אין צילינדער
און מיט ווײַסע הענטשקעס אויף די הענט;
אויף אַלע פיר — אַ מענטש אַזאַ, וואָס האָט שוין
ס'הייליקסטע: דאָס מענטשלעכע, געשענדט.

פאַרלוירן

כ'האָב זיך פאַרלוירן אין דזשונגל פון צוואַנציק יאָר־הונדערטער:
כ'האָב זיך פאַרלוירן אין בייז און אין שלעכטס פון דער צייט,
און שווער איז מיר, שווער זיך צוריק צו געפינען אין ווילדערניש,
ווילדקייט פון מענטש, וועלכער שטייט פון זיין אורשפּרונג נישט ווייט...

כ'האָב זיך פאַרלוירן, אַזוי ווי ס'פאַרלירט ווער דאָס גלייכגעוויכט
איבערן ראַנד פון אַ מוראַדיק, אָפּגרונטיק מויל,
וואָס ווייזט זיינע שטיינערנע ציינער און פעלדזיקע יאַסלעס דיר,
נאַקעט און פול מיט אכזריות, ביז גרויליקסטע גרויל.

כ'האָב זיך פאַרלוירן אין דזשונגל פון צוואַנציק יאָר־הונדערטער:
כ'האָב זיך פאַרלוירן אין טיפן און ווייטן פאַרגאַנג
פון וועלט־בין־השמשות, אין ליכט פונעם מענטש, אין געפאַלנקייט
קעגן דער ווילדער שימפּאַנזע און אָראַנגוטאַנג.

כ׳בין דאָ!...

עס דאַכט זיך מיר כסדר, אַז מען רופט מיך וואו;
נאָר, כ׳וויס נישט ווער און וואָס, פון וועלכער זייט;
דער רוף דער ווייטער לאָזט מיך נישט צו רו
און ס׳וואַרט אויף מיינס אַן אָפּרוף, יעדע ווייט.

„כ׳בין דאָ, כ׳בין דאָ, אָט בין איך לעבעדיקערהייט,
אין סאַמע מיטן וועלט, אין קניפּ און קנויל
פון וועגן פינצטערע, וואָס לויערן מיט טויט,
דער שוואַרצסטער טויט, פון שוידער און פון גרויל״.

כ׳בין דאָ, כ׳בין דאָ, אָט בין איך; נאָר, אַז ווי און אַד,
צום זיין — אַן חסד פון דער פויסט געווענדט;
צום זיין — ווען ס׳לעבן ווערט דיר שווערע לאַסט און יאַד
און ליגט, ווי ס׳ליגט אַ טויב — אין שוחטס הענט...״

„כ׳בין דאָ, כ׳בין דאָ, הערט־אויף צו רופן מיך צוריק!
ס׳איז אומעטום איין וועלט און איין שוואַרץ־יאָר;
הלוואַי זאָל אָפּהאַלטן פון ברודער־מאָרד און קריג —
נאָך אונדז — דער גואל פונעם נייעם דור...״

דערוויל — דערווייל, דוכט מיר, אַז מען רופט מיך וואו;
נאָר, כ׳וויס נישט ווער און וואָס, פון וועלכער זייט;
דער רוף דער ווייטער לאָזט מיך נישט צו רו,
און ס׳וואַרט אויף מיינס אַן אָפּרוף, יעדע ווייט.

פ י ס . . .

זע איך לעצטנס, נאַכט נאָך נאַכט, אין שלאָף;
געשטיוולטע, שווער־זעלנערישע פיס;
אַזוי פיל פיס, אָן ערך און אָן סוף!
גייען, גייען, גייען,
גייען נישט — מאַרשירן
זיי מאַרשירן נישט, נאָר שפּאַנען,
נישט זיי שפּאַנען, נאָר זיי דרענגען זיך,
ווי שאָף פון שטויב־טומאַנען;
און זיי רוקן זיך, און רוקן זיך,
ווי וואָלקנס איבער אַלע וועגן —
קעגן, קעגן, קעגן,
קעגן וואָס און וועמען? —
צו באַלאַגערן, פאַרנעמען,
צו באַטרעטן און צעטרעטן
פעלדער גרינס און פעלדער ברויט
און — ס׳גייען פיס, וואָס טראָגן טויט,
און זייען אים מיט שטיוול־טריט;
אַזוי פיל פיס, געשיקט אין קריג,
נאָך פרוכט פון רויב,
נאָך שווארצן שניט,
אַזוי פיל פיס, וואָס גייען בלינד,
ווי בלינד ס׳איז ווינט,
ווי בלינד ס׳איז שאָף,
וואָס גייט אַליין צום שווארצן סוף —
אַדורך, דורך מיינע נעכט אין שלאָף.

כ׳וואָלט...

כ׳וואָלט צוגעלייגט צו זיך אַליין דאָס אויער,
ווי מען לייגט עס צו אַמאָל צו דר׳ערד —
קען זיין, אַז כ׳וואָלט מיין שטים מיין אייגענע, דערקענט,
און זיך אַליין דערהערט —
קען זיין!

כ׳וואָלט צוגעלייגט צו זיך דאָס אויער,
איז עס אָבער איינגעהאָרכט אין וועלט,
אין וועלט פון פּיין,
אין וועלט פון גרעסטן טרויער,
אין אַ וועלט, וואָס הייסט: מלחמה־פעלד.
איז — הער איך נאָר אַ האָגל־קלאַפּ פון פויקן,
הער איך נאָר, שווער־דראָענדיקע טריט
פון מחנות איינגעשטעלט און אויסגעשטעלטע,
ווי די פעלדער זאַנגען גרייט צום שניט.
איז — הער איך נאָר געקלאַנג פון באַיאָנעטן,
קוילן־סווישטש, האַרמאַטן־ברילעריי,
און כ׳הער בלויז אויפרייס און פונאַנדערפאַל,
און ס׳לייגט זיך אויפן האַרץ אַוועק מיר — בליי,
און ס׳לייגט זיך אויפן האַרץ אַוועק מיר — שרויט,
און כ׳פיל אַליין זיך אַ פאַרשאָטענער,
ווי אויך אויף מיר געלעגן וואָלט דער טויט,
דער טויט פון גרויסן אומזין און שגעון
ביי די קינדער פון דער מאַמע־ערד.

כ׳וואָלט צוגעלייגט צו זיך אַליין דאָס אויער —
אפשר וואָלט איך זיך אַליין דערהערט!
נאָר גיי און הער, אַז — ס׳האָגלען קלעפּ פון פויקן,
און עס דראָען קומענדיקע טריט
פון מחנות, איינגעשטעלט און אויסגעשטעלטע,
ווי די פעלדער זאַנגען, גרייט צום שניט.

כ׳בין פול . . .

כ׳בין פול,
כ׳בין פול מיט קלאַנגען,
ווי מיט קערנער — זאַנגען
פאַרן שניט;
נאָר מיין געמיט:
די מאַמע פון מיין ליד —
איז מפיל
יעדן ציטער,
יעדן צאַפל
פון יצירה, —
ווייל פאַרגיין, פאַרגייט זי זיך
אין טראָגן שירה,
אונטער כמאַרעס פינצטערע,
וואָס טראָגן שרעק
פאַר אומרו־נעכט,
און שטורעם־טעג
באַזונגענע מיט קאַמפּס־געזאַנג,
פון איבערגאַנג דורך אונטערגאַנג.

רו

רו,
וואו ביסטו, רו?
דיך זוכט מיין שטיינערן געמיט:
אַ לייב און לעבן אַ דערשעפּט.
דיך זוכט מיין קאָפּ, וואָס גליט
און פּאַלט מיר אין די הענט אַריין, געקעפּט
פון תליון „שוואַרץ",
וואָס וויל מיט זיינע נעגל זיך אַריינקריגן
אין וואַרעמסטן, אין רויטסטן רויט: אין האַרץ.

וואו ביסטו, רו?
וואו קען מען דיך געפינען, וואו?
אין וואָס'ער לאַנד?
אויף וואָס'ער ערד,
אויף וואָסער הייך, אין וואָסער טיף —
האָט נישט צעשטערט
דער שוואַרצער שטורעם נאָך, דיין נעסט?
וואו האָט נאָך נישט דערגרייכט די שוואַרצע פּעסט,
אויף וואָס פּאַראַ פּלאַנעט?
אויף וואָס פּאַראַ פּלאַנעט, קען זינגען היינט
פון ליב צו מענטש, צו וועלט און לעבן — אַ פּאָעט?!

מיין שטים . . .

כ'הער נישט מיין אייגענע שטים ;
ווי אַזוי זאָל איך הערן,
אַז, קלאָג פון מיליאָנען
איז : וועלפיש געוואָי פון באַגערן —
ווען פרייד פון פאַרווילדונג
איז : אַקסן־געדרעוו פון נצחון,
ווייל זיי נאָר, ווייל זיי
האָבן די, וועלכע קלאָגן — צעבראָכן.

הער איך אַליין נישט מיין אייגענע שטים,
ווי מען הערט נישט דעם איינצלנעמס טריט —
ווען ס'גייען מיליאָנען אין אַפּמאַרש
צו פעלדער — אויף שניט ;
אויף שניט, וועלכער גיט נישט קיין ברויט,
נאָר די פרוכט פון שגעון :
פאַרווילדונג, פאַרוויסטונג און אומקום,
און — סעודות פאַר קראָען.

לעצטנס...

איך דערוואַרג אין מיר לעצטנס מיין ליד,
ווי אַ מאַמע צעטרייבט ווען איר קינד,
וואָס גייט־אויף נישט געוואונטשענערהייט,
ווי אַ פּרוכט פון פאַרבאָט און פון זינד;
און אַ זינד איז צו ברענגען אַ קינד,
ווי אַ ליד אויף דער זינדיקער וועלט,
און אַ ליד, ווי אַ קינד — נאָר אויף ווינט
און אויף הונגער און דורשט, אויסגעשטעלט.

איך דערשטיק אין מיר לעצטנס אַליין
דאָס געזאַנג מיינס, וואָס רייסט זיך פון מיר,
ווי עס רייסט וואו צו פרייהייט זיך ווער
הינטער קראַטן און — שלאָגט קאָפּ אָן טיר;
און אַ טיר איז פאַרהאַקט אויך פאַר מיר —
ס'איז די טיר פונעם פינצטערן היינט,
ווען מען דאַרף נישט קיין מזמור און שיר,
נאָר, אַ ביקס און אַ קויל קעגן פיינט.

זינג...

זינג, בן זינג —
אַז, ס׳ליגט די וועלט דיר פֿאַר די פיס — אַ מת,
אַז, יעדע נאַכט די שלאָפלאָזע, איז לאַנג,
און יעדער טאָג דערלעבן, איז אַ נס;
ווען טראַכטן, טראַכט זיך נאָר פון אונטערגאַנג —
ווייל יעדער קלאַנג דערמאָנט אָן קלאַנג פון שניט,
און יעדער שניט, דערמאָנט אָן וואונד און ווי,
און יעדער אָפקלאַנג פון אַ שניטער־ליד —
דערמאָנט אָן זעלנער־מאַרש און אָפּמאַרש, ריי נאָך ריי,
צו פעלדער, קעגן פייער פונעם טויט,
וואָס נעמט זיי אויף אין ברודער־קאַמף און קריג,
און איז זיי אַלע „אויסגלייכן" דאָרט גרייט,
נישט אָפּצושיקן זיי אַהיים צוריק,
צוריק צו טאַטע־מאַמע, ווייב און קינד,
צוריק צום ביסל היימיש האָב און גוטס,
צוריק צו ערד, צו פי, צו שאָף און רינד,
צוריק צום ברויט פון אייגן שוויים און בלוט.
נאָר, גיי און זינג,
אַז, ס׳ליגט די וועלט דיר פאַר די פיס — אַ מת,
און קוקסט אויף דיין דערלעבטן טאָג, ווי אויף אַ נס.

פאַר שוואַרצע רוחות

אין אַ צייט פאַר שוואַרצע רוחות
ווען דער טייוול האָט דאָס וואָרט
און — צעשמעטערט אַלע לוחות,
און פאַרהייליקט רויב און מאָרד —
איז קיין צייט נישט פאַר קיין שירה
פון אַ זינגער, אַ פּאָעט,
וועמענס ציטעריקע לירע
ס׳האָט פון האַרץ צו האַרץ גערעדט ;
זיך פון מענטש צו מענטש געריסן
דורכן טונקלסטן געהיל —
צוצוקומען צום געוויסן,
צו געפיל און מיטגעפיל :
טענער, אַלץ אַזעלכע דינגע,
נישט פאַר אונדזער צייט־געהער —
ווען די שוואַרצע פרוכט פון שנאה
גייט אַלץ שוואַרצער אויף, און מער.

שדים אויף מיין לירע . . .

אויף מיין לירע שפּילן שדים:
היטלער, מוסאָליני, גערינג
און נאָך אַנדערע, וואָס לעבן
נאָר פון חורבן און צעשטערונג, —

קלינגען מיינע לידער לעצטנס
שווער, ווי בליי אויף בלעך געשאָטן,
מיט אַ ריטם, ווי עס וואָלטן
טריט, מיט שטאָל אויף שטיין געטראָטן;

טריט פון חייל, ווען עס ציען
גאַנצע מחנות פון אַרמייען,
אָנגעלאָדענע מיט שנאה,
וואָס זיי ווילן זי פאַרזייען —

אַז די שוואַרצע פּרוכט זאָל אויפגיין
איבער יעדן פעלד פון לעבן,
וואָס איז שטאַרק, און וויל פּריצייטיק
זיך דעם טויט נישט אונטערגעבן.

ווי קען מען . . .

ווי קען מען זיך צונויפנעמען,
אַז מ'איז אַזאַ צעשאָטענער,
אַז מ'איז אַזאַ צעטראָגענער,
געפּאַלענער, צעטראָטענער;
אַז מ'איז אַ בלאַט אין שטורעם־ווינט,
אין שטורעם, דעם דעמאָנישן,
דעם „ברוינעם" און דעם בלוטיקן,
דעם ווילדן און טייוולאָנישן.

ווי קען מען זיך צונויפנעמען
און זינגען, ווי דאָס האַרץ באַגערט!
אַז, ס'רייסט דער ברוינער ווינט אַפּער
פון אונטער אונדז, די שוואַרצע ערד,
און לעשט אַ יעדנס ליכט פון טאָג,
אַ יעדנס פלעמל אין־דער־נאַכט,
און צינדט בלויז שריפה־פייערן
פון איבערפאַל, פון מאָרד און שלאַכט.

אין כאַר פון זעלנעריש געזאַנג

זייט געזעגנט לידער מיינע האַרציקע און צאַרטע;
זייט געזעגנט טויבן מיינע, כ'לאָז איך פריי איצט פריי,
ס'רייסן מיך פון איך איצט אָפּ, אכזריותדיקע, האַרטע
שטורעמדיקע טעג און נעכט, פון פייער און פון בליי.

קריג איז, לידער מיינע, קריג! ווי זאָל מען איך איצט הערן
אינעם קריגס־מאַרש און אין כאַר פון זעלנעריש געזאַנג,
פון אַרמייען, וועלכע טראָגן אומקום און צעשטערונג,
און אין דורכגאַנג, אויך צום איבערגאַנג — דעם אונטערגאַנג.

זייט געזעגנט אַדעס, סערענאַדעס און סאָנעטן!
זייט געזעגנט, לידער פון נשמה און געפיל!
ווען מען טראָגט די זון און די לבנה אויף באַגנעטן —
איז עס נישט צוליב פּאָעטישן קאַפּריז און שפּיל...

לידער מיינע, כ'וועל צוריק צו איך, נאָר קענען קומען,
כ'וועל צוריק מיין לירע קענען נעמען אין דער האַנט —
אויב כ'וועל גאַנץ אַרויס פון קריג, און ס'וועט נישט זיין פאַרנומען
פונעם פיינט — דאָס ריינסטע, אומבאַריִרטסטע דיכטער־לאַנד.

שלעף מיך איין

אַ, טיפער שלאָף באַפאַל מיך, שלעף מיך איין!
איך וויל אין דיר, די גרויל־צייט איבערזיין;
איך וויל אין דיר, נישט צוזען וואַכערהייט
דעם היטלער־מאָרש פון אומקום און פון טויט,
וואָס טראָגט די טויט־עמבלעמען אויבן־אָן,
אויף יעדן אָרעם־באַנד, אויף העלם און פאָן:
דעם האַקן־קרייץ, דעם קאָפּ פון אַ סקעלעט
און — „גאָט מיט אונדז" — אויף לענדער און אויף שטעט —
אין רויב־צוג איבער מענטש און מענטשלעכקייט,
וואָס ווערט צעטראָטן — וואו דער צוג דערגייט.
אַ, טיפער שלאָף, באַפאַל מיך, שלעף מיך איין!
איך וויל אין דיר, די גרויל־צייט איבערזיין.

ווי לאַנג

ווי לאַנג עס לעבט די גיפטיק, ברוינע שלאַנג,
ווי לאַנג, זי טראָגט פונאַנדער ברוינע פּעסט —
קען קיינעמס ליד נישט זיין מער, דאָס געזאַנג
וואָס טראָגט אין זיך דערהויבונג און פאַרמעסט;

איז יעדע שיינקייט, ווייט צו זיין פון שיין.
איז יעדע גוטסקייט, ווייט צו זיין פון גוט,
און יעדע ריינקייט — ווייט צו זיין פון ריין,
און ווערטלאָז — אַלץ, וואָס עמעץ וויל און טוט.

ווי לאַנג עס לעבט און קריכט נאָך און פאַרקריכט
די זיבן־קעפּיק, גיפטיק ברוינע שלאַנג —
איז יעדנס ליכט אין האַרץ און אויג — דאָס ליכט
פון בלוטיקסטן, פון רויטסטן אונטערגאַנג.

צומאָרגנס, נאָכן קריג

מיר וועלן ערשט דערזען די בראָך פון קריג —
ווען ס'וועלן זיך מיליאָנען היים־פאַרטריבענע
צוזאַמען מיט די קריגס־זעלנער, צוריק
זיך אומקערן אַהיים,
און נישט געפינען נאָכן ברוינעם שטורעם,
נישט געפינען נאָך דער ברוינער פעסט —
קיין גאַנצן בוים,
קיין גאַנצע נעסט,
קיין הויז קיין גאַנץ אין איבערקער,
און אויך קיין איינציק הויז־געזינד,
אין וועלכן ס'זאָל נישט פעלן ווער —
אַן אייגענער, אַ נאָענטער,
אַ פרידלעך אומגעקומענער אין הינטערלאַנד —
ביים ברוינעם מענטשן־פרעסערישן אָקופּאַנט.

מיר וועלן ערשט צומאָרגנס נאָכן זיג —
דערזען, ווי גרויס עס איז די בראָך פון קריג.

אויף די שלאַכט-פעלדער

אויף די שלאַכט־פעלדער פון שנאה
צו די „ברוינע", „שוואַרצע" פיינט —
גייט אַרום איצט אויך מיין שכינה,
נישט זי רוט און נישט זי שיינט —

ז'איז אַוועק מיט זעלנער־ברידער,
ווי מיט שניטער צום פאַרזיי —
נישט צו זינגען זיי קיין לידער,
נאָר, פאַרבינדן וואונד און וויי —

זיין אַ שוועסטער זיי, אַ מאַמע,
זיין זיי נאָענט, ליב און גוט —
ווען אין פייער און אין פלאַמען
ווען פעלדער טרינקען בלוט;

בלוט און בלוט און — האָריזאָנטן
זענען אַלע בלוטיק רויט —
אַנגעצונדן פון די פראָנטן
אויף די שלאַכט־פעלדער פון טויט;

אויף די פעלדער, וואו עס בלוטיקט
אויך די שכינה מיינע מיט;
בלוטיקט, אָבער טרייסט און מוטיקט,
אַז זי הערט דעם גוואַלס טריט.

אַז, זי הערט אים ממעמקים
און זי זעט אים אין זיין גאַנג,
ווי אַ זון־אויג פון מרחקים,
וואו ס'איז רויטער טאָג שוין לאַנג.

ס׳איז נאָכנישט אַזוי . . .

ס׳איז נאָכנישט אַזוי ווי דער שונא וויל האָבן,
ס׳איז נאָכנישט פֿאַרשפּילט אַלץ, נישט אַלץ שוין באַגראָבן —
אויך אונטער דער ערד לעבן קעמפֿער, באַפֿרייער,
וואָס דראָען ווי שטילע ווולקאַנען — מיט פֿייער,
מיט פֿייער און אויפֿרייס פֿון האַס און פֿון צאָרן,
פֿון שוואַרצע, פֿון ברוינע, און בלוטיקע יאָרן.

ס׳איז נאָכנישט אַזוי ווי דער שונא וויל האָבן,
ס׳איז נאָכנישט פֿאַרשפּילט אַלץ, נישט אַלץ שוין באַגראָבן —
ס׳דערגייען נאָך קלאַנגען און ס׳קומען נאָך גרוסן
פֿון ייִדן, פּאָליאַקן, פֿון טשעכן און רוסן,
פֿון סערבן, נאָרוועגיער, פֿון בעלגיער, פֿראַנצויזן.
אַז עפּעס־וואָס קאָכט זיך און וועט זיך צעברויזן.

ס׳איז נאָכנישט אַזוי ווי דער שונא וויל האָבן,
ס׳איז נאָכנישט פֿאַרשפּילט אַלץ, נישט אַלץ שוין באַגראָבן —
ווי לאַנג ס׳זענען רויטע אַרמייען פֿאַראַנען,
און הינטערן רוקן פֿון פֿיינט — פּאַרטיזאַנען,
און איבער דער וועלט — נאָך מיליאָנען, וואָס וועלן
צום משפּט צום רויטן, אַלס שופֿטים זיך שטעלן.

*

ווי שטאַרק, ווי גליאיק אויסגעשמידט
עס זאָל נישט זיין דאָס ליד
פון היינט:
דאָס ליד פון האָס צום ברוינעם אשמדאי —
דעם גרעסטן מענטשן־פיינט;
ווי שטאַרק, ווי גליאיק אויסגעשמידט
עס זאָל נישט זיין דאָס ליד
פון היינט —
איז פאַרט, די פען קיין ביקס נישט,
און דאָס וואָרט נישט קיין גראַנאַט
אין האַנט אין פעסטער
פון אַ רויט־אַרמייאישן סאָלדאַט,
וואָס וואַקסט אין קאַמף, מיט גבורה אויס
ביי סטאַלינגראַד און לענינגראַד,
און אומעטום, אויף אַלע רויטע פראָנטן,
וואו די שלאַכטן גיסן זיך צונויף
מיט פייערן פון רויטע האָריזאָנטן.

פאַר יעדן שפּאַן ערד

פאַר יעדן סאָוועטישן ערד־שפּאַן
פון רוסישע פעלדער און סטעפּ —
וועט צאָלן דער שונא, וועט ליגן
די ברוינע, דראַקאָנישע קעפּ.

עס וועלן צוויי הונדערט מיליאָנען
באַנייטע, באַפרייטע פון צאַר,
נישט לאָזן זיך נאָכאַמאָל שפּאַנען,
ווי קנעכט, אינעם וואָגן פון האַר.

עס קען אַזאַ לאַנד, אַזאַ ריזיק,
פאַרגינען זיך, לאָזן דעם „שוויין
פון אַרישער ריינקייט" פאַרקריכן
אַלץ טיפער און טיפער אַריין —

כדי אים דערלאַנגען דעם טויט־קלאַפּ,
אַ טויט־קלאַפּ אַזאַ, ווי ס'איז ווערט
אַ חזיר, אַ ווילדס, אַ משוגענס,
וואָס קריכט אויף סאָוועטישער ערד.

מיט די רויטע

ווי דאָס האַרץ מיינס איז ווען מיטגעגאַנגען
מיט די קעמפנדיקע רויטע שפּאַניער —
גייט דאָס האַרץ מיינס איצטער מיט,
מיט רויט־אַרמייער און מיט רויטע פּאַרטיזאַנער.

ציט דאָס האַרץ מיינס איצטער פונעם עמק,
צו די פעלדער פונעם לאַנד דעם רויטן;
ס׳לאַנד פון פרייהייט, וואָס דער פיינט —
דער ברוינער אשמדאי — וויל אָנטאָן צ׳ריק אין קייטן.

ווי געווען בין איך אַמאָל פאַרנומען
מיטן גורל פון מאַדריד, אין שפּאַניען —
ציטער איך, פאַרנומען איצט
מיט זאָרג, פאַר מאָסקווע און פאַר לענינגראַד — פונדאַנען;

ציטער איך, ווייל ס׳שלאָגן זיך פאַר מיר אויך
מיינע ברידער דאָרט: די רויט־אַרמייער,
וועלכע טראָגן מיט אין קאַמף: —
דאָס לעבן און דעם גורל מיינעם — גלייך מיט זייער.

ליד פון רויט-אַרמייער

האָט זיך זיי פאַרגלוסט, די ברוינע האָרדעס,
האָט זיך זיי פאַרגלוסט, די ריינע אַריער —
שטופן זיי'רע חזירישע מאָרדעס
אינעם רויטן לאַנד פון פּראָלעטאַריער —
איינצושטעלן סקאָראָפּאַדסקיס צייטן
און דעם „נייעם" שוואַרצן סדר זייער,
און — זיך אָנשלאָגן אין באַפרייטן
רוסלאַנד, אָן מיליאָנען רויט־אַרמייער.

רויט־אַרמייער:
רייטער, גייער,
רויטע פליער און מאַטראָזן,
טראַקטאָריסטן
און טאַנקיסטן
פון זאַוואָדן און קאָלכאָזן;
און עס שפּרינגען אַזש די שטיינער
אונטער פּאַנצערס און האַרמאַטן,
וואָס עס פירן אָפּ צו פראָנטן —
רויטע יאַטן.

האָט זיך זיי פאַרגלוסט, די ברוינע שלאַנגען,
רויטע פרוכט, פון רויטע וואונד און ווייען —
זענען זיי צום האַרץ פון לאַנד דערגאַנגען
און געבליבן שטעקן אין די שנייען.
„ווי זיי זעען נישט ביי זיך די אוירן —
וועלן זיי נישט זעען מאָסקווע — זייער"
ווייל עס שטייען ביי די רויטע טוירן
וואַכן, פון מיליאָנען רויט־אַרמייער.

רויט־אַרמייער:
רייטער, גייער,
רויטע פליער און מאַטראָזן,
טראַקטאָריסטן
און טאַנקיסטן
פון זאַוואָדן און קאָלכאָזן;
און עס שפּרינגען אַזש די שטיינער
אונטער פּאַנצערס און האַרמאַטן,
וואָס עס פירן אָפּ צו פראָנטן —
רויטע יאַטן.

האָט זיך זיי פאַרגלוסט, די ברוינע הונען
אינעם רויב־צוג: — ראַטן־לאַנד באַפאַלן. —
האָבן זיי דעם וועג צום טויט, געפונען
ווייט נאָך פון די ראַטלענדישע קוואַלן;
צאָלן זיי און וועלן צאָלן טייער
פאַר אַ יעדן שוואַרצן טראָט, פאַר זייער —
ווייל עס שלאָגט פון יעדן ערד־שפּאַן פייער,
פייער פון מיליאָנען רויט־אַרמייער.

רויט־אַרמייער:
רייטער, גייער,
רויטע פליער און מאַטראָזן,
טראַקטאָריסטן
און טאַנקיסטן
פון זאַוואָדן און קאָלכאָזן;
און עס שפּרינגען אַזש די שטיינער
אונטער פּאַנצערס און האַרמאַטן,
וואָס עס פירן אָפּ צו פראָנטן —
רויטע יאַטן.

העלדן

ס'פֿאַרגיסן די העלדן קיין בלוט נישט —
צו זיין בלויז פֿאַר דיכטער אַ טעמע,
און אויך נישט, צו ווערן פֿאַראייביקט פֿון זיי
אין אַ ליד, צי פּאָעמע;
מען איז זיך נישט מקריב, צו זיין בלויז געליטערט
אין בלוט און אין פֿייער;
אויף קדוש־השם קען מען גיין נאָר פֿאַר דאָס,
וואָס איז הייליק און טייער.
און ווען' איז די היים אַזוי הייליק און טייער
ווי זיי — די פּראָלעטן —
די זין און די טעכטער פֿון „רויטן אָקטאָבער"
אין לאַנד פֿון סאָוועטן;
און ווען' איז ווי זיי אַזוי טייער די פֿרייהייט,
די פֿאָן פֿון באַפֿרייאונג,
דאָס ליד פֿון סאָוועטישן שטייגער,
וואָס אָטעמט מיט פֿרייד פֿון באַנייאונג —
איז וואָס פֿאַראַ וואונדער די גבורה
ביי מענטשן פֿון סערפּ און פֿון האַמער,
וואָס לאָזן זיך איצט פֿונעם שונא
נישט נעמען, אין צוואַנג און אין קלאַמער,
און עסן זיך איין אין דער בעסטיע דער ברוינער,
מיט נעגל און ציינער,
און קעמפֿן ווי לייבן —
אַנטשלאָסן, נישט אונטערצוגעבן זיך קיינער —
ווי לאַנג ס'איז אַ קויל נאָך פֿאַראַנען
און ס'גליט נאָך די לופֿע — זאָל וויסן,
זאָל צאָלן דער שונא און פֿילן,

וואָס ס'קאָסט אַ סאָוועטישער ביסן,
און זאָל ער דעם ביסן פאַרטרינקען
מיט בלוט פון די אייגענע סטאַיעס,
וואָס זענען דאָס לאַנד פונעם מאָרגן
באַפאַלן ווי גיפטיקע חיות —
איז וואָס פאַרא וואונדער די שנאה
צום פיינט, וואָס איז אונדזער, ווי זייער;
טאָ זאָל מען אי האַסן אי קעמפן
זיך לערנען — ביים רויטן אַרמייער.

דער שטילער דאָן

דער שטילער דאָן איז מער נישט שטיל,
דעם שטילן דאָן האָט אויפגעוועקט
דער ברוינער אשמדאי, וואָס וויל —
אַ וועלט זאָל ווערן אָפגעמעקט.

דער ברוינער אשמדאי, וואָס לעבט
פון שוואַרצן חורבן און פון טויט,
פון קעפּ פון מענטשן, וואָס ער קעפּט —
ער וויל דער דאָן זאָל ווערן רויט . . .

נו, איז ער רויט פון בלוט אַצינד,
דער רואיקער, דער שטילער טייך;
מיט בלוט פון די, וואָס גייען בלינד
אין פייער, פאַרן „דריטן רייך".

און פאַרן ברוינעם אשמדאי:
דער „פירער", וועלכער הייסט זיי גיין,
און דאָרט וואו ס'לעבט אַ מענטש נאָך פריי —
אַ שטיין נישט לאָזן אויף אַ שטיין . . .

איז, ווי זאָל רואיק זיין דער דאָן,
און שטיל, און שפּילעוודיק און גלאַט —
אַז ס'איז באַדראָט די רויטע פאָן
פון וואָראָניעזש און סטאַלינגראַד;

און נאָך אַ סך אַזעלכע שטעט
און טיילן פון סאָוועטן־לאַנד,
וואו יעדער שונא אירער, ועט
געפינען פאַר זיין קאָפּ — אַ וואַנט . . .

ווער ס׳קעמפט . . .

ווער ס׳קעמפט פאַרן אמת, ווי ס׳קעמפן סאָוועטישע מענטשן —
ביי דעם דאַרף קיין נס נישט געשען, אויף אַרויסגיין מיט זיג.
עס וועלן די הונען די ברוינע נאָך דאַנקען, צו קאָנען
אַרויס, פון פאַרכאַפּטן סאָוועטישן באָדן — צוריק.

זיך שלאָגן מיט רויטע, הייסט: שלאָגן מיט קאָפּ אָן דער וואַנט זיך,
הייסט: אָנשלאָגן זיך מיט דער קאַסע אָן פעלדז און גראַניט,
און גיין ווי אַ בלינדער אין פייער פון האַס און פון שנאה,
אַ פייער, וואָס ברענט אויך פון הינטן, די פיינטלעכע טריט.

זיך שלאָגן מיט רויטע, וואָס האָבן פון לאַנג שוין באַפרייט זיך
פון אונטערן צאַרישן שטיוול און שוואַרצן געשפּאַן,
הייסט: גיין קעגן זיכערע טויט־קלעפּ פון רויטע אַרמייער,
און ווערן פאַרטיליקט פון הינטן אויך — פון פאַרטיזאַן.

עס וועלן די הונען די ברוינע נאָך דאַנקען, צו קענען
אַרויס, פון פאַרכאַפּטן סאָוועטישן באָדן — צוריק.
ווער ס׳קעמפט פאַרן אמת, ווי ס׳קעמפן סאָוועטישע מענטשן —
ביי דעם דאַרף קיין נס נישט געשען, אויף אַרויסגיין מיט זיג.

רויטע פּאַרטיזאַנער

אַ ביקס אויפן אַקסל: אַ גאַרטל מיט קוילן;
מיט גלי אין די אויגן; מיט שנאה אין האַרץ —
אַזוי זענען רויטע אַרויס קעגן ברוינע,
אַזוי זענען רויטע אַרויס קעגן שוואַרץ;
אַזוי זענען אַרבעטער, בריק־לייגער, באַנער,
שאַכטיאָרן — געוואָרן אין קריג פּאַרטיזאַנער.
(וואָס וועלן אַריין אין דער רויטער געשיכטע
פון העלדן —) אין בערג און אין וועלדער געדיכטע.
צעשאָטן אין מחנות אין גרויסע און קליינע —
צו ברענען פון הינטן די טריט פונעם שונא,
און לאָזן, וואו ס'לאָזט זיך, מיט רויך און מיט פייער,
די תבואה אויף פעלדער; די תבואה אין שייער;
די דאָרפישע כאַטע; די שטאָטישע מויער —
מיט רויך און מיט פייער, אָן שאָד און באַדויער!
(מען וועט באַכן זיג איבערבויען אויף גרעסער).
דערוויילע — דעם פיינט, ווי אין רוקן, אַ מעסער,
וואָס לויערט פון היילן, פון לעכער און גריבער,
וואו ס'לאָזט אַזאַ קעמפער אין קויל פאַר זיך איבער.
אַזוי זענען רויטע אַרויס קעגן ברוינע,
אַזוי זענען רויטע אַרויס קעגן שוואַרץ; —
אַ ביקס אויפן אַקסל: אַ גאַרטל מיט קוילן;
מיט גלי אין די אויגן; מיט שנאה אין האַרץ.

אַז נישט מיינע ברידער

אַז נישט מיינע ברידער, די שאָפּער און בויער,
וואָס ווייסן שוין לאַנג נישט פון יאָך און פון טרויער,
און קלינגען שוין לאַנג נישט מיט צאַרישע קייטן,
וואָס פלעגן די טריט און די לידער באַגלייטן;
אַז נישט מיינע ברידער, וואָס ווייסן, ווי טייער
ס'איז פרייהייט — איז, ווער וועט צעבלאָזן דאָס פייער
פון שנאה, ביי די, וועלכע טליען און טליען
אין לענדער, וואו שווער איז צו לעבן און בליען.

אַז נישט מיינע ברידער, די רויטע אַרמייער,
די רייטער די רויטע; די פליער און גייער;
די רויטע מאַטראָזן; אַז נישט מיינע ברידער,
די גיסער; די שמעלצער; די הייצער און שמידער;
אַז נישט מיינע ברידער — איז, ווער וועט דערלאַנגען
דער ברוינער, דער גיפּטיקסטער שלאַנג פון די שלאַנגען,
דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ, ווי ס'קענען אים געבן
נאָר די, וועלכע דינען דער פרייהייט און ס'לעבן.

אויפֿן רוף פֿון דער שעה

ווען׳ ס׳איז טייער דאָס לעבן, דער מענטש, און די פֿריי,
און קען האַלטן אַ ביקס אָנגעלאָדן מיט בלײַ —
זאָל זי נעמען און גיין אויפֿן רוף פֿון דער שעה,
זיך צו שטעלן מיט איר, און אַ זאָג־טאָן: כ׳בין דאָ!

איך בין דאָ, און זאָל זײַן נאָך אַ קעמפֿער אין רײ,
נאָך אַ כוח צום וואוקס פֿון אַ קעגן־אַרמײ,
וואָס דאַרף שלאָגן דעם בלוטיקסטן, פֿײַנטלעכסטן פֿײַנט,
וועלכער גייט קעגן יעדן און אַלץ — נישט פֿון הײַנט.

ס׳האָט דער גאָטלאָזער פֿײַנט זיך טיזולאָניש געגרייט
אונטער ברוין, ווי דער ראָסט; אונטער שוואַרץ, ווי דער טויט—
זיך געגרייט, צו זײַן בליציקן, ווילדן פֿאַרנעם:
צו פֿאַרקנעכטן אַ וועלט, אין אַ שטאָלערנעם קלעם.

נישט געוואַרט ביז דער שונא וועט קומען צו דיר!
נאָר פֿאַרלויף אים דעם וועג צו דײַן טויער און טיר —
ווער ס׳קען האַלטן אַ ביקס אָנגעלאָדן מיט בלײַ,
און — ס׳איז טייער אים ס׳לעבן, דער מענטש און די פֿריי.

⁂

וואָלט איך אָנשטאָט אַ פען, קענען האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט —
וואָלט איך אָנשטאָט צו שרייבן איצט לידער — געוועזן געשפּאַנט
אין די רייען פון די, וועלכע האָבן די היימען פאַרלאָזט —
צו פאַרטיידיקן דאָס, וואָס האָט ימען מיט בלוט שוין געקאָסט,
און — זיך שלאָגן פאַר פרייהייט, אויף וועלכער עס האָט נאָר דאָס רעכט
דער, וועם ס׳ליגט נישט אין בלוט: זיין אַ חונף, אַ הונט און אַ קנעכט.

וואָלט איך אָנשטאָט אַ פען, קענען האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט —
וואָלט איך איצטער געווען, ווי אַ רויטער אַרמייער, אין לאַנד
אין סאָוועטישן — ערגעץ אַוועק אויפן פראָנט, קעגן פייגט,
וואָס פאַרטראָגט נישט קיין ליכט; וואָס פאַרטראָגט נישט,
אַז ערגעץ־וואו שיינט. —
ווייל אַליין איז ער פינצטער, און חלומט אין חשכות, פון מאַכט,
און האָט ליב נאָר, ווי ס׳האָבן עס ליב בלויז פאַרברעכער: די נאַכט.

דער ברוינער חזיר, אין רויטן לאַנד פון ווייסן בער

האָט אַ ברוינעם חזיר זיך פאַרגלוסט, נישט ווייניקער, נישט מער,
ווי: באַפאַלן און פאַרכאַפּן ס׳רויטע לאַנד פון ווייסן בער,
און ביז וואָס און ווען — דערוויילּ עס מאַכן חרוב און אַ תּל,
און דער עיקר — קודם־כּל, אַראָפּשינדן פון בער די פעל.

— —

וואַרפט זיך אויפן בער דאָס חזיר; וואַרפט אַן אימה אָן, אַ שרעק,
ריטשעט, קוויטשעט, ווי מען וואָלט עס אָנגעטרעטן אויפן עק,
און דער בער, דער ריז, אַ זיכערער אין כּוח און אין זיג —
מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ לעמל, ציט זיך פאַרן חזיר צ׳ריק.
און דאָס ווילדע חזיר, אָן פאַראויסצוזען געפאַר און בראָך —
קריכט דעם בער אַ גרילצנדיקער און אַ זיגערישער נאָך,
און באַלעקט זיך און באַגאַווערט זיך ווי נאָר אַ חזיר קען,
ווי ער וואָלט דעם בער, דעם גרויסן, אַ צעריסענעם געזען,
אַ צעריסענעם אויף שטיקער, אָפּצועסן גוט, צו זעט,
און צו קענען מאַכן נאָך פון אים אַ וועלט חזירים פעט.
און דער בער? — דער בער ער ציט זיך אַלץ צוריק און טרעט אַלץ אָפּ:
— קריך דיר חזיר, וועסט באַצאָלן פאַרן קריכן, מיטן קאָפּ,
און פאַרזאָגן די „גענאָסן״ דיינע, נישט צו קריכן מער
אויף אַ פעלד אַ פרעמדס, אין רויטן ווינטער־לאַנד פון ווייסן בער.
און דאָס חזיר? — ווי אַ חזיר, קריכט און טראַכט נישט, וואָס וועט זיין,
און פאַרקריכט אַזוי פון פרעמדן פעלד נאָך פעלד — אין וואַלד אַריין,
אין אַ וואַלד אין אַ געדיכטן, וואו דער בער נאָר ווייסט דעם וועג —
האָט דאָס חזיר זיך פאַרפּלאָנטערט און גענומען קריגן שלעג;
אָנגעשלאָגן זיך כּסדר מיטן קאָפּ אָן יעדן בוים,
אַזש גענומען האָט אים זעצן פונעם שנוק אַ רויטער שוים,
רויט פון בלוט פון זיין צעזעצטן חזירישן קאָפּ אַראָפּ.
נאָר אַ חזיר בלייבט אַ חזיר. שפּאַרט עס איין זיך, לאָזט נישט אָפּ,
שרייט פון ווייטיק, איז צעיושעט, גייט אין בלוט שוין דאַכט זיך אויס —
נאָר ער קריכט אַלץ, קריכט און קריכט צעבלוטיקט פונעם וואַלד אַרויס,
און פאַרקריכט אַזוי מיט שוואַרצן אַפּעטיט, אין ווייסן סטעפּ
וואו גענומען האָט ער קריגן נייע מוראַדיקע קלעפּ;

ראשית, האָט אים פאַר די אוי׳רן אָנגעכאַפּט מיט ברען דער פראָסט,
און דערנאָך — אַ ווייסע וויזגע זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט
און מיט אים געגומען דרייען, און פאַרדרייט אים אין אַ קלעם,
ביז דער ווייסער בער אַליין געטאָן האָט זיך צו אים אַ נעם:
— נאָ דיר חזיר, פאַרן קריכן און פאַר ברעכן פרעמדן פלויט;
— נאָ דיר, ס׳האָט זיך דיר פאַרוואָלט מיין פעל, טאָ גיב אַהער דיין הויט!
וואַרפט זיך ס׳חזיר, ריטשעט, קוויטשעט, וויל צוריק, נאָר: אַך און וויי —
ס׳איז געבליבן צום דערטרונקען־ווערן שטעקן טיף אין שניי
און ס׳קאַראַבקעט זיך אויף אַלע פיר, און קוים דערטאַפּט די פלאַך —
לויפט עס אויף צוריק שוין, נאָר ס׳פאַרלויפן עס דעם וועג אַ סך
בערן, אויסבאַהאַלטענע, פון יעדער נארע, הייל און שפּאַלט,
און דאָס חזיר: אַ צעמיימתטע — פאַלט און הייבט זיך, לויפט און פאַלט,
נאָר, פאַרפאַלן! — ס׳וועט שוין מיטן לעבן נישט אַרויסגיין מער —
ס׳האָט זיך עס פאַרגלוסט דאָס לאַנד דאָס רויטע, און די פעל פון בער.

מיין ברענענדיקער שטאַם

הייליק אַנדענק, די מיליאָנען ברידער מיינע, יידן — אומגעבראַכטע פון די נאַצי־דייטשן — אין מאַידאַנעק, אָשוויענטשים, טרעבלינקאַ, און נאָך אַנדערע גהנומס, וועלכע האָבן דאַנטען זיך ניט פאַרגעשטעלט... דריי מאָל הייליק — די אין קאַמף־געפאַלענע אין אויפשטאַנד, אין און אויסער אַלע יידן־געטאָס פון דער צייטווייליק פון דייטש־פאַרכאַפּטער און אין בלוט־דערטרונקענער איראָפּע.

אַ גרוס פון פוילן

כ'האָב גאַרנישט געבערענגט פון מיין היימלאַנד, פון פוילן,
כ'האָב גאַרנישט געבערענגט — חוץ אַ שוואַרצן אַלבאָם
מיט בילדער פון פחד, פון שוידער און גרוילן,
און אונטער די בילדער — איין צושריפט: פּאָגראָם.

כ'האָב גאַרנישט געבערענגט — חוץ די פינצטערע אויגן
פון שרעק און פאַרצווייפלונג; פון ברעכן די הענט;
פון וואָלקנס, וואָס האָבן פון שריפות געצויגן,
פון בליקן — נאָך רחמים צו הימלען געווענדט.

כ'האָב גאַרנישט געבערענגט — חוץ די טרויעריקע לידער,
די איכה־געזאַנגען פון בלוטיקסטן פיין:
אַ גרוס אייך פון אייערע שוועסטער און ברידער
אין פוילן — מיין היימלאַנד און פאָטערלאַנד מיין...

תל־אביב, 1924.

מיין היים

אַז כ׳דערמאָן זיך מיין היים, זע איך: הימלען פאַרצויגן מיט
וואָלקנס פון בליי,
אונטער זיי: טשאַטעס קראָען, וואָס קרייזן און ציען, ווי שנירן פאַרביי,
ס׳פליען פייגל צעשראָקן מיט אומרו אין זייערע נעסטן אַריין,
און עס זינקען די קעפּ פון די ביימער, וואָס קורטשען פון פּחד זיך איין...

אַז כ׳דערמאָן זיך מיין היים, הער איך: הונגעריק וועלפיש
געוואָי פון אַ ווינט,
און אַ הייזעריק בילן פון בייזע, צערייצטע, געבונדענע הינט,
אַ בהלהדיק קלאַפּן פון טירן און טויערן, וואָס ווערן פאַרמאַכט
און פאַרהעמערט אויף שטאַבעס, אויף ריגלען און שלעסער,
כאָטש ווייט איז צו נאַכט . . .

אַז כ׳דערמאָן זיך מיין היים, פיל איך: ווערט מיטאַמאָל אין
די בלוטן מיר קאַלט,
ווי כ׳וואָלט בלאָנדזשען און פרירן פון פראָסט, אין אַ שניי־ווייסער נעץ
פון אַ וואַלד,
און כ׳דערמאָן זיך, אַז כ׳האָב אין דער יוגנט, שוין אַלט, אַזוי
אַלט זיך געפילט,
און נישט שפּילנדיק זיך מיט קיין קינדער—אַ לעבעדיק לעבן פאַרשפּילט.

תל־אביב, 1933.

צו פוילן

.1

פאַטערלאַנד מיינס, פוילן,
לאַנד פון גרונט, פון פעטן,
כ׳וואָלט דיך מער נישט וועלן
אַט אַזאַ באַטרעטן.

כאָטש איך האָב קיין הײם נאָך,
פיל איך קיין באַדויער,
וואָס איך האָב פאַרלאָזט דיך
לאַנד דו פון מיין טרויער.

קוואַל דו פון מיין אומעט,
ים פון צער און צאָרן.
האָסט מיך שוין פאַרביטערט
פון די פריסטע יאָרן.

האָסט מיר נישט געגעבן
וואַרעמקייט אויף בענקען —
קען איך דיך צום שלעכטן,
פאַטערלאַנד, געדענקען.

שלעכט איז מיינע ברידער,
שלעכט, די שוועסטער מיינע,
ביטער טאַטע־מאַמען —
אונטערטאַנען דיינע —

יידן, וועלכע האָבן
פיל דיר צו דערציילן,
וועגן זייער מיטהילף
דיר, אין „מאָסקאָלס" פוילן;

הילף אין דיינע בונטן
קעגן די נאַהאַיען;
הילף מיט לייב און לעבן —
פוילן צו באַפרייען.

פוילן, דאָס פאַרשקלאַפטע,
פוילן, ס׳אונטערדריקטע,
היינט שוין — דאָס באַפרייטע,
היינט שוין — דאָס באַגליקטע.

גליק, אַליין צו הערשן,
און פון פרייהייט שיכור;
ביזטו, פאָטערלאַנד מיינס,
אונדזער אונטערדריקער.

מיין און אַלע מ י י נ ע,
וועלכע האָסט פאַרגעסן;
יידן פון דור־דורות
אויף דיין ערד באַזעסן. —

רייסטו מיט די וואָרצלען,
טרעטסטו, ווי די גראָזן,
האַלטסטו זיי אין פחד,
ווי אויף יאַגד, די האָזן.

און עס מאַכט דיך לאַכן,
און עס מאַכט דיך פריילעך,
ס׳איז דאָך יעדער פּאָליאַק
היינט, אַליין אַ מלך . . .

און פֿאַרגעסט, אַז קרויבעז
זענען נישט קיין שטאַמען,
אַז זיי פֿאַלן (אָפּטמאָל
מיט די קעפּ צוזאַמען . . .)

פֿאָטערלאַנד מײַנס, פּוילן,
לאַנד פֿון גרונט, פֿון פּעטן,
כ'וואָלט דיך מער נישט וועלן
אָט אַזאַ באַטרעטן.

.2

אַ, פּאַטערלאַנד פּוילן! מיין היים דו פון שנאה און האַס!
עס ברענט, ווי אַ בלוטיקע וואונד מיך, דער פּוילישער פּאַס;
אַ פּאַס פון אַ בירגער, אָן רעכט פאַר מיין יידישן שטאַם,
וואָס וואַרצלט און זויגט פון דיין ערד אַנשטאָט חיות — נאָר סם.

ווי זאָל איך דיך, ווײ־לאַנד, נישט ביטער דערמאָנען לגנאי —
אַז כ'בין אויף די פעלדער די פרייע, ביי דיר שוין נישט פריי,
אַז כ'קאָן שוין אַפילו נישט דורכגיין מיין יידישע גאַס —
עס זאָלן נישט פאַלן אויף מיר דיינע שטיינער פון האַס.

„מיין פּאַטערלאַנד"—זאָג איך, און — ס'קלינגען די ווערטער מיר פרעמד
און קאַלט, ווי עס איז אין אַ מלבוש, ווען ס'לייב טראָגט קיין העמד,
און ווייט, ווי ס'וואָלט קיינמאָל ביי דיר נישט געשטאַנען מיין וויג,
און שפּעטער; דאָס בעט מיינס, פאַר אַלע חלומות פון גליק.

מיין הימלאַנד! שוין יאָרן, ווי כ'האָב דיך פאַרלאָזט און אַוועק,
און האָב זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייט פונעם ציטער און שרעק
פאַר גרוילן, וואָס גרייכן צו מיר פון דיין פינצטערער ווייט,
וואו ס'ווערן פון פיין מיינע א י י ג ע נ ע גראָ פאַר דער צייט.

ווי שיין ביסטו, פּאַטערלאַנד פּוילן, ווי זאַפטיק און רייך!
נאָר, וואָס קומט אַרויס מיר, דיין בירגער, מיט בירגער נישט גלייך,
אַ בירגער פון בירגער, וואָס אָטעמען שנאה און האַס
און וואַרטן, צו קאָנען דיר אומקערן ווען־ס'איז — דעם פּאַס.

3

פאָטערלאַנד מיינס, פוילן,
כ׳שיק מיין פּאַס דיר צריק
און: מוחל דיר דאָס גוטס דיינס,
מוחל דיר דאָס גליק
פון — צו זיין דיין שטיפקינד,
אויסגעשטעלט אויף קלעפּ,
וואָס פאַלן, ווי אַ האָגל
אויף די ברידערס קעפּ.

פאָטערלאַנד מיינס, פוילן,
היים דו, פון מיין וויג;
מיטן פּאַס דיר — רייס איך
הינטער זיך די בריק;
בריק, וואָס פירט צום שונא,
וועלכער יאָגט מיך נאָך:
טייטן, אָדער, שפּאַנען
אין זיין שוואַרצן יאָך.

פאָטערלאַנד מיינס, פוילן,
כ׳שיק מיין פּאַס דיר צריק;
און אויב כ׳וועל ווען־ס׳איז בענקען —
טאָן אויף דיר אַ בליק —
זאָלסטו זיין דאַן אַנדערש,
פריידיק, פריי און ניי
און — אויפגיין מיט אַ לעבן,
וואָס זאָל זיין כ ד א י.

פּאַריז, 1937.

*

אין פייער פון שנאה, אין פייער פון קריג
איז חרוב געוואָרן די היים פון מיין וויג —
מיין פאָטערלאַנד פוילן.

באַהערשט און באַצוואונגען מיט רוט און מיט קנוט,
געשלאָגן פון דייטש — ליגט דערטרונקען אין בלוט —
מיין פאָטערלאַנד פוילן.

און כאָטש כ'בין נישט מער ווי אַ שטיפקינד געווען
און ס'האָט מיך פאַרשטויסן און ס'האָט מיך פאַרזען —
מיין פאָטערלאַנד פוילן.

און כאָטש ס'האָט אויף אַלעמענס יידישע קעפּ
אָן אויפהער געהאָגלט מיט שטיינער און קלעפּ —
מיין פאָטערלאַנד פוילן —

טוט ווי מיר דאָס האַרץ אויפן בראָך פון דעם קריג,
וואָס חרוב־געמאַכט האָט די היים פון מיין וויג —
מיין פאָטערלאַנד פוילן.

תל־אביב, 1939.

*

יעדער גרוס, וואָס כ׳דערהאַלט פונדערהיים —
קומט מיר אָן ווי אַ דונער, וואָס גייט
פון אַן אומהיימלעך, פינצטערדער ווייט
און — ברענגט גרוסן פון פּיין און פון לייד;
און — מאַכט פול מיר מיט אומרו דאָס האַרץ,
און מיט טרויער — דאָס אויג און דעם בליק,
ווי כ׳וואָלט זען מיינע נאָנטע פון ווייט —
מיט אויף־העלדזער־פאַרוואָרפענע שטריק.

יעדער גרוס, וואָס כ׳דערהאַלט פונדערהיים —
קומט מיר אָן ווי אַ פראָסטיקער ווינט,
וועלכער שניידט אין מיין בלוט זיך אריין
מיט געוואַי פון פאַרהונגערטע הינט;
און צעברענט אַזאַ פייער אין מיר,
אַזאַ פייער פון צאָרן און בונט, —
אַז עס ווילט זיך מיר בילן פון צער
צו מיין היים — מיין נישט־היילבאַרע וואונד.

⁂

טאַטע־מאַמע מיינע, ברידער, שוועסטער מיינע —
ווי האָט אייך דער שטורעם פון דעם קריג געטראָפן?
וואו זענט איר מיט אייער אָרעם האָב און לעבן —
אויסבאַהאַלטן זיך פון שונאס בייז — געלאָפן?!

טאַטע־מאַמע מיינע, ברידער, שוועסטער מיינע —
פוילנס אַלטע דעמבעס, שוין פון דורות יאָרן;
מיטן פיינטס פאַרוויסטן אייער פאָטערלאַנד איצט —
איז מיין היים, מיין אַלטע, נחרב מיר געוואָרן.

טאַטע־מאַמע מיינע, ברידער, שוועסטער מיינע —
הינטער בריקן, ווי צעריסענע געוועבן:
רופט פון אונטער חורבות אָפּ זיך אויף מיין האַרץ־רוף!
לאָ'מיך הערן נאָך פון אייך אַ סימן ל ע ב ן!

⁂

פוילן, פוילן — היים דו פון מיין וויג,
פון וואַנען ס׳קומען גרוסן איצט — אַראָפּצוגיין פון זינען;
גרוסן וועגן נאָנטע, אומגעקומענע אין קריג,
און וועגן לעבעדיקע צווישן חורבות און רואינען.

פוילן, פוילן — היים דו פון מיין וויג,
וואָס כ׳האָב שוין לאַנג פאַרלאָזט, זיך מער נישט אומצוקערן
ווידער;
ס׳איז אַ שאָד, אַ שאָד מיר, ס׳פאַלן דיינס אין בראָך פון קריג,
נאָר ווײ־טאָן, טוט מיר ווי, פאַר מיינע אומשולדיקע ברידער.

*

פוילן — מיין געוועזן פאָטערלאַנד!
איך קאָן שוין אויך אַלס גאַסט צו דיר נישט קומען;
ס'באַלעבאַטעוועט ביי דיר דער אָקופּאַנט —
דער „שוואָב" וואָס האָט מיט שטורעם דיך גענומען.

פוילן — מיין געוועזן פאָטערלאַנד!
וואו כ'האָב פאַרלאָזט אַ היים פון טאַטע־מאַמע
און אַצינד — די ברידער מיינע איינגעשפּאַנט —
אויף ברוך און בראַך ביים דייטש, וואָס קומט „פאַרדאַמען".

פוילן — מיין געוועזן פאָטערלאַנד,
וואָס ליגט פון פיינט צעטראָגן און צענומען;
כאָטש כ'געדענק נאָך גוט, אַלס ייִד ביי דיר — דיין האַנט —
וואָלט וועלן איך צו גאַסט צו דיר נאָך קומען.

*

האָט קיין חייל, האָט קיין פעסטונג אויסגעהאַלטן
דאָס גיהנום פונעם שונאס פייער־פלאַמען —
ווי אַזוי, מיט וואָסער כוח, אויסגעהאַלטן
האָבן אינדערהיים איצט, אַלטע טאַטע־מאַמע?

ווי אַזוי דאָרט, האָבן מיינע ברידער, שוועסטער,
ווען דער גורל האָט שוין לאַנג געהאַט צעבראָכן —
אויסגעהאַלטן היטלערס טויט־מאַרש איבער פוילן,
אויסגעהאַלטן זיין טייוולאָנישן נצחון?

וואָסער נס האָט זיי באַשיצט און אויסבאַהאַלטן
פאַרן פייער פונעם שונאס הוראַגאַנען?
לעבן זיי? — איז, אַך און ווי צו זייער לעבן! —
זענען זיי, די אומגעקומענע, מקנא . . .

***

כ׳האָב אָוועקגעשיקט אַ בריוו קיין פּוילן
און אויף ענטפער, אויסגעקוקט די אויגן;
איז דער בריוו אַהיים צו מיינע נאָנטע,
ווי די טויב אין נחס צייט — געפלויגן;

אָבער — נישט דערפלויגן אינעם מבול
אינעם גרויליקן, פון בלוט און פייער;
נישט דערפלויגן ביז צו טאַטע־מאַמע
און צו יעדן דאָרט, וואָס איז מיר טייער. —

איז די טויב צו מיר צוריקגעקומען
אָן אַ גרוס פון מ י י נ ע אָפּצוגעבן,
אומגעקערט זיך, ווי צו נחס תבה
אָן אַ צווייגעלע אַ גרינס, פון ל ע ב ן;

און געברענגט האָט זי פון וועג בלויז אומרו,
טרויער און אבלות אָן אַ שיעור
און — ס׳געפיל פון דאַרפן רייסן ק ר י ע ה.
נאָר, נאָך ווען זאָל איך רייסן פריער?!...

*

עס זאָגט מיר ס'האַרץ (הלוואַי ס'זאָל ליגן זיין),
אַז: אינדערהיים, די היים פון טאַטע־מאַמע —
איז אין בראָך פון קריג,
וואָס האָט, ווי שפּענדלעך, אויסגעוואָרצלט שטאַמען —
אומגעקומען אויך אַ היימישער,
אַן אייגענער, פון אייגן פליש און בלוט,
אַזאַ, וואָס הערט שוין מער נישט איבער זיך
דעם ווינטס געוויין,
און סווישטש פון שונאס קנוט . . .

(הלוואַי ס'זאָל ליגן זיין) נאַר, ס'זאָגט מיר ס'האַרץ,
וואָס טראָגט מיר נאָך דאָס בילד פון חורבן פּוילן,
איינגערעמט און איינגעהילט אין שוואַרץ,
וואָס קאָן דאָס גרויסע אומגליק נישט פאַרהוילן —
זאָגט עס מיר, אַז מיט די טויט־פאַרשאָטענע,
וואָס זענען אונטער חורבות דאָרט, אַנטרונען —
האָט עס פונדערהיים, פון טאַטע־מאַמע,
עמעצן צעווישן זיי, געפונען.

*

וואו די מאַמע איז אַהינגעקומען — ווייס איך נישט,
ווי ס'וויסן נישט מיליאָנען וועגן זיי'רע,
איבער וועמענס קעפּ דער ברוינער שטורעם
האָט געווילדעוועט מיט טויט און אומקום,
און פאַרטריבן מענטשן פון די היימען,
ווי אַ שריפה — פייגל פון די נעסטן.

כ'ווייס נאָר, אַז דער טאַטע און מיין ברודער
איטשע, אויך דער פעטער מיינער — נח —
זענען פון דער ברוינער פעסט געשטאָרבן
אין די ענגע געטאָ־ווענט פון וואַרשע,
וואו די לעבעדיקע זענען אויך שוין
מתים, נאָך פון קברן נישט באַגראָבן.
וואו די מאַמע איז אַהינגעקומען — ווייס איך נישט.

*

אַז דער ברוינער נאַצי־שטורעם
האָט אין פּוילנס אַלטע וועלדער
אויסגעריסן דעמבעס,
און צווישן זיי — דעם טאַטן מײַנעם —
איז די בלוטלאָזע, די בלאַסע מאַמע מײַנע,
זיכער אומגעקומען ווי אַ ווערבע,
ביי אַ טײַך פון ייִדיש בלוט און טרערן: —
אומגעקומען — נאָכן רייסן קברים,
נאָכן שפּאַלטן מיט יללות — הימלען,
נאָך צעבערעכן זיך פּאַר וואונד און ווי, די פינגער,
נאָכן שלאָגן זיך דעם קאָפּ אָן שטיין, פון וואַנזין.

האָט אַוודאי קיינער נישט געזעען,
ווי די מאַמע איז אין טויט־געווירבל —
מער נישט אויפצוהייבן זיך — געפאַלן
און געבליבן ליגן — נישט צו וויסן,
וואו נאָך איר אַ שטיין אַוועקצולייגן . . .

⁂

פוילן, פוילן, חרוב היימלאַנד מיין,
נאָך וועמען דאַרף מען מיך מנחם־אָבל זיין!?
ווער פון מ י י נ ע איז נישטאָ שוין מער
צעווישן די, וואָס ווינטשן זיך דעם טויט איצט, ווער?
וועמ׳ פון מ י י נ ע האָט די שוואַרצע האַנט
פון ברוינעם נאַצי דאָרט, אַלס ווייסן שקלאַף געשפּאַנט —
שלעפּן שטיין פון אייגן ברוך און בראָך
און זיין דערביי געצוואונגען הויך צו זינגען נאָך —
פריילעך זיין און פריילעך מאַכן ד י,
וואָס קאַטעווען און טרייבן מענטשן ווי די פּי,
און פאַרלאַנגען, קושן אויך די רוט
די דורכגעווייקטע שוין מיט אייגן מאַרך און בלוט;
מאַרך און בלוט, ביז — ס׳גייט אַ לעבן אויס
און ס׳פאַלט אַ קרבן אַט אַזאַ, פון שפּאַן אַרויס . . .

פוילן, פוילן, חרוב היימלאַנד מיין,
נאָך וועמען דאַרף מען מיך מנחם־אָבל־זיין? . . .

תל־אביב, 1940.

אונטער די פּוילישע ביימעלעך

אונטער די פּוילישע גריניִנקע ביימעלעך
שפּילן זיך מער נישט קיין משהלעך, שלמהלעך;
שפּילן זיך מער נישט קיין שׂרהלעך, לאהלעך,
נישט אויף קיין גרעזעלעך; נישט אונטער שנייעלעך.

ס׳הילכן שוין מער נישט קיין יידישע שטימעלעך
פון די קונדסימלעך, מאָטעלעך, שימעלעך,
מיט די צעקרעלטע, צעדראַפּעטע צורהלעך
פונעם באַוווייזן וואונדיירים און גבורהלעך.

ס׳טרויערן איצטער די פּוילישע ביימעלעך,
טויט זענען יידישע היימען און היימעלעך;
טויט זענען געסעלעך; חרוב — די הייזעלעך,
וואו עס פאַרשטעקן זיך קינדער, ווי מייזעלעך;

יידישע קינדער מיט גרויסענע אויגענעס
שוואַרצע, אַזוי ווי מיט חושך פאַרצויגענע,
אויגענעס פולע מיט פּחד פאַרלאָפענע
אונטערן אומגליק דעם „ברוינעם", געטראָפענע.

תל־אביב, 1941.

דעם טאַטנס טויט

דער טאַטע — דער דעמב אינעם היימישן טרויעריקן וועלדל,
וואו ס'זענען דיביימער געוואַקסן, אַזוי ווי געשלאָגן —
דער טאַטע, דער דעמב, איז געפאַלן; ער האָט שוין דעם ברוינעם
טיוולאַנישן, בלוטיקן שטורעם, נישט איבערגעטראָגן.

איך בין ביי זיין טויט נישט געווען, נאָר כ'שטעל זיך אים פאָר מיר
(איך ווייס, אַז ער איז נישט אין שטורעם דער איינציקער קרבן),
נאָר ס'קאָן נישט קיין טרייסט זיין, די צאָל פונעם זעלביקן גורל
(דער טאַטע איז זיכער אין אייגענעם בעט נישט געשטאָרבן),

נאָר פשוט געפאַלן, געפאַלן פון קעלט און פון הונגער
ביי זיך אינדערהיים, און ס'קען זיין, אַז אין גאַס אינעם מיטן
פון ידישן געטאָ אין וואַרשע, וואו ס'האָבן די נאַצים
דאָס ידישע לעבן, אַזוי ווי מיט קאָסעס געשניטן;

און זענען אַריין, ווי מיט העק, אינעם היימישן וועלדל
צו מ י י נ ע, וואָס זענען געוואַקסן, ווי ווערבעס געקרענקטע;
אַריין און — דעם איינציקן דעמב אינעם וועלדל — דעם טאַטן —
פאַרשניטן די יאָרן, וואָס זענען געווען שוין „געשענקטע".

די מאַמע און הילף

די מאַמע, די סאָסנע אין הײמישן װעלדל —
געבליבן פון אַלע, איז אײנע אַלײן;
עס האָט זי דער שטורעם דער ברױנער געלאָזן
צעבראָכענערהײט שױן — און אײנזאַמע שטײן —

שױן מער נישט קײן סאָסנע; אַ קלעגלעכע װערבע
אַ גראָע, װי ס'װאָלט אױף איר ליגן דער פראָסט —
איז פול מיט איר ביטער געװײן און געיאָמער:
— צו װאָס האָט דער שטורעם מיך איבערגעלאָזט?

— פונװאַנען זאָל קומען די הילף, אַז מײן הילף־רוף
פאַרװאָיעט, פאַרבילט איז, פון הינט און פון װינט,
אַז גאָט איז קײן גאָט נישט, און רחמים — קײן רחמים,
און גואל — קײן גואל, און קינד — נישט קײן קינד.

דער דעמב אינעם װעלדל — דער טאַטע — געפאַלן,
געפאַלן אויך איטשע, (דער בכור) װי אַ בױם;
פון אַלע זעקס קינדער, פאַרלאָזט האָט אַ העלפט שױן
מיט יאָרן צוריק, צוליב הײם־פרעמד — די הײם;

איז יאַנקל (דער צװײטער פון מײנע פינף ברידער)
פאַרשלונגען־געװאָרן אין דינסט פאַרן לאַנד,
װאָס ער האָט אַלס רױטער אַרמײער, געהאָלפן
באַפרײען, און װערן אַ ראַטנפאַרבאַנד —

װאו לױ (דער יונגסטער) אַנטלאָפן אַהין איז
פון נאַצישן פײער (אַז אַך און אַז װײ! —
אַז ס'האָט שױן דאָס פײער דערגרײכט אױך אַהינצו)
אױך ער איז געװיס אין דער רױטער אַרמײ.

פון קיווען (דעם דריטן) — קיין שפור נישט פאַראַנען!
געוועזן פון אים גרויסן וועז, גרויסן פון פיין,
פון ווערן געטריבן פון פראַנקרייך נאָך בעלגיע,
לסוף — ווי אַ שטיין וואו, אין וואַסער אַריין . . .

און לאה (מיין איינציקע שוועסטער די עלטסטע):
אין וואַרשע, אין געטאָ — צו טאָן האָט מיט זיך,
ווי ס'האָבן עס הונדערטער, טויזנטער יידן,
וואָס האַלטן זיך אויף, פון דער קהלישער קיך . . .

פון אַלע זעקס קינדער, בין איך דער „בר־מזל":
אין ארץ־ישראל, אין „אייגענעם" לאַנד,
אַ יידישער דיכטער, וואָס שאַרט מיט זיין ליד זיך
אַזוי ווי אַ פרעמדער — פאַרביי ביי דער וואַנט . . .

פונוואַנען זאָל קומען די הילף פאַר מיין מאַמען
אין חרובן פוילן, אַ חורבה — אַליין:
אַ ווערבע אין היימישן, ליידיקן וועלדל,
וואָס פול איז אַצינד, מיט איר קלאָג און געוויין.

מיין חרובע היים

מיר האָט זיך געחלומט מיין חרובע היים
(דער שרעקלעכסטער חלום, וואָס כ'האָב ווען געזען)
אַ דאַכלאָזע היים, פון אַ לאַנד אַ פאַרוויסט,
ווי ס'וואָלט נישט קיין מענטשלעכער ישוב געווען:

רואינען, רואינען און — מענטשן אין זיי
ווי נאָך־נישט באַגראָבענע מתים אַ סך,
זיי גייען אַריין און אַרויס און אַרום
דעם אייגענעם אומגליק און בראָך אויף־דער־וואָך.

צעווישן די שאָטנס פון מענטשן פון פּיין,
פון מענטשן מיט גופים, וואָס זענען געשענדט
מיט וואונדן פון קלעפּ און פון שמיץ — האָב איך קוים
די נאָנטע, די אייגענע מיינע, דערקענט . . .

זיי האָבן געשלייכט זיך דערשלאָגן ווי הינט
און עפּעס ווי קוקן אויף מיר זיך געשעמט.
אין זייער הלבשה, פון וואָנען דאָס לייב
האָט נאַקעט דערציילט, אַז עס טראָגט נישט קיין העמד . . .

און נאָך אַ סך האָבן די לייבער דערציילט:
פון „ברויגע", פון לאָטעס פון געלע, פון גרויל;
גערעדט מיט די אויגן, גערעדט מיט די הענט
(ס'איז יעדן געהאָנגען אַ שלאָס אויפן מויל . . .)

אויך איך, האָב דאָס לשון פאַרלוירן פאַר צער,
פון שרעק — נישט געפונען קיין טרייסט־וואָרט פאַר זיי,
און זיי האָט אַ סווישטש פון אַ בייטש, ווי דערמאָנט
צו טאָן אַ צעלויף זיך, צו טאָן אַ צעגיי — — — —

און — זענען געשפּענסטיק פאַרשוואונדן פון מיר
און האָבן געלאָזן מיר שאָטנס פון טויט,
און צוגן לוויות, וואָס האָבן פאַר מיר
אָן אויפהער געצויגן פון קיינעם באַגלייט;

און איך, בין דער איינציקער מלווה געווען,
און איך, האָב נאָך אַלעמען קדיש געזאָגט
און קריעה געריסן, דערנאָך — מיטאַמאָל
אַזוי ווי פון וואַנזין פון ווילדן געיאָגט —

גענומען אַנטלויפן, די וויסטקייט — נאָך מיר
נאָר — ס'איז פון בית־עולם קיין אויסוועג געווען...

— — — — — — — — — — — — —

דאָס האָב איך אַ גרויליקע, פּינצטערע וואָר,
אַ נאַכט, אינעם שרעקלעכסטן חלום געזען.

מיין געבורטסלאַנד

כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געבענקט אַזוי
נאָך מיין געבורטסלאַנד פוילן,
ווי אַצינד, ווען ס'ליגט אַ חרובס און אַ טויט־געשלאַגנס,
און — כ'וואָלט וועלן זעען
(נישט אַזוי מיין היימלאַנד), ווי מיין היים,
די אַלטע היים פון טאַטע־מאַמע,
וואו געשטאַנען איז דאָס וויגל מיינס
און אונטער אים: די קינדער־שיכלעך מיינע,
און דאָס „גאָלדן ציגעלע״,
דערנאָך: דאָס בעטל מיינס
אויף חלומען פון גרויס־זיין . . .

כ'וואָלט אַזוי געוואָלט איצט זען מיין היים! —
די היים פון מיין משפּחה,
וועלכע כ'האָב אַמאָל פאַרגליכן
צו אַ טרויריק, שיטער וועלדל,
שיטער — אָבער פול מיט שאָטן
פון די ביימער אַלערליי:
דער טאַטע איז געווען אַ דעמב;
די מאַמע איז געווען אַ סאָסנע;
מיינע פעטערס מיט די מומעס —
אַלשינעס און יאָדלעס,
און די קינדער, מיר די קינדער:
קלאָגנדיקע ווערבעס . . .

וואָלט איך דאָך געוואָלט איצט זען דאָס וועלדל,
וועמענס ביימער ס'זענען קיינמאָל
נישט געשטאַנען פעסט און זיכער —
נאָר געציטערט און געקרעכצט,
ווי מאַסטן אויף די זעגל־שיפן,
און געבראָכן זיך פון לאַסט —
פון אַן אַ שיעור בייזע ווינטן.

וואָלט איך וועלן זעען איצט דאָס היימישע משפּחה־וועלדל,
וואָס געפינט זיך איצט אינעם סאַמע מיט פון „ברוינעם שטורעם“,
וועלכער ווילדעוועט אָן אויפהער,
לאַנגע טעג און נעכט אָן אויפהער
און צענעמט, צעטראָגט און רייסט פונאַנדער,
און פאַרווישט מיט אַש און שטויב פון חורבות —
יעדע שפּור פון שפּראָצונג און פון בליאונג.

כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געבענקט אַזוי נאָך מיין געבורטסלאַנד פּוילן
ווי אַצינד, ווען ס׳ליגט אַ חורבס און אַ טויט־געשלאָגנס.

תל־אביב, 1942.

וואַרשע אָן יידן

וואַרשע, די שטאָט פון מיין היים פון געבוירן;
וואַרשע, די שטאָט וואָס פלעגט קאָכן און זידן
ווי אויף ירידים — מיט לעבן מיט יידיש;
וואַרשע — אָן יידן; וואַרשע — אָן יידן.

פרואוו איך די אויגן אויף האַלב צו פאַרמאַכן,
דאָס ליכט זאָל נישט שטערן צו זען, נאָר איך זע נישט,
צו שוואַך איז דער כוח־הדמיון, און וואַרשע
אָן יידן זיך פאָרשטעלן — קען איך נישט, קען נישט.

וואַרשע — אָן יידן; וואַרשע אָן יידן,
איז ווי אַ לעבן וואָס גיט נישט קיין רעגונג,
איז ווי אַ וואַלד פון געפאַלענעביימער,
איז ווי אַ ים, וואָס ליגט טויט, אָן באַוועגונג.

וואַרשע אָן יידן — ווי מען זאָל זאָגן:
אַ זייגער, וואָס האָט נישט קיין אומרו און שלאָגט נישט,
אַ יידישע מאַמע פון גלות וואָס וויינט נישט,
אַ יידישע מאַמע פון גלות, וואָס קלאָגט נישט.

וואַרשע — אָן יידן, און ס'ווילט זיך נישט גלויבן,
כאָטש עס איז אמת, צום טיפסטן באַדוירן,
ס'ליגט אין די נאַצישע, חיהשע נעגל —
וואַרשע, די שטאָט פון מיין היים פון געבוירן.

אַ שלעכטער טאַטע...

אַ שלעכטער טאַטע, אָבער דאָך אַ טאַטע,
ווּעמען איך אַ שטיפקינד קען ווען מוחל זיין —
פאַר אָפּגעהאַקטע יאָרן פאַר געהאַטע,
יאָרן טרויריקע און וואונדיקע פון פּיין.

איך מיין עס דיך: געוועזן פאָטערלאַנד מיינס —
פּוילן, אַלטע היים דו פון מיין וויג,
וואָס ליגסט איצט חרוב, ווי נישט אויפצושטיין מער,
ווי נישט אויפצולעבן שוין צוריק...

איך מיין עס דיך, וואָס דאַרפסט בלויז ניסים האָבן,
ניסים, אין דער שווער־געשלאָגנקייט אין דיין;
איך מיין עס דיך — ווייל ס'ליגט ביי דיר באַגראָבן
אי די קינדהייט מיינע, אי די יוגנט מיין.

אַ קינדהייט און אַ יוגנט (לאָמיך בעסער
נישט דערציילן איצטער וועגן זיי...)
מען קען אַמאָל אַ שטיפטאַטן פאַרגעבן
פאַר אַ לעבן פול מיט קלעפּ און וויי...

אין פייער פון שנאה

אין פייער פון שנאה; אין פייער פון קריג —
איז חרוב־געוואָרן די היים פון מיין וויג,
מיין אָרעמע היים אויף דער פוילישער ערד,
דער זאַפּטיקער, פּעטער, וואָס האָט מיך געגערט
מיט ברויט און מיט . . . טרערן (מיט טרערן פיל מער
ווי ברויט), וואָס געווען איז אי ביטער, אי שווער
און האַרט, ווי עס איז פאַר אַן אורח אויף קעסט,
ביי זיך אין זיין היים־לאַנד, ביי זיך אין דער נעסט,
וואו יעדער נישט־ייד, האָט פאַר וואוילטאָג געקענט
אַריינוואַרפן פייער — צו זען ווי זי ברענט . . .

און דאָך — איז אַ בענקשאַפט אַ גרויסע פאַראַנען —
צו זען ווען דאָס אָרט וואו די וויג איז געשטאַנען,
און ס'אָרט וואו מען האָט אויכעט וואָרצלען געשלאָגן,
כאָטש ס'לעבן געווען איז נישט איבערצוטראָגן . . .

צי וועל איך דערלעבן נאָך זען, נאָכן קריג —
די אַלטע, די חרובע היים פון מיין וויג;
מיין היים אין מיין היים־לאַנד, וואָס בלוטיקט אַצינד
אין נעגל און ציין פון מטורפע הינט,
פון ברוינע, וואָס זענען פון בלוט־דורשט געררייצט —
באַפאַלן איראָפּע, פאַרכאַפּט און פאַרפלייצט
מיט טויט און פאַרוויסטונג, מיט ברוך און מיט בראַך,
מיט לעבנס וואָס ברעכן זיך אונטערן יאָך
און שרייען דערשטיקט, אונטערערדיש געשריי
און וואַרטן אויף הילף פון אַ רויטער אַרמיי.

צו מיין לאַנדסמאַן סטאַך

זע נאָר וועמען כ'זע דאָ!
יאַק שען מיעוואַש, סטאַכו?!
דו אין „פּאַלעסטינע"?!
וואָס די צייט קאָן מאַכן!
וואָס דער גורל קאָן אַלץ אָפּטאָן,
לאַנדסמאַן מיינער, סטאַכו!

וואָלסטו, סטאַכו, זיך געגלויבט עס,
ווען מען וואָלט אַמאָל דיר זאָגן
אַז: ווי מיר אין גלות —
וועט דער גלות דיך צו אונדז פאַרטראָגן...
דאָ צו אונדז, אין „פּאַלעסטינע",
וואו איר פלעגט לגנאַי אונדז שיקן —
פול צו אונדז מיט האַס און שנאה,
„זשידזשע, זשיד, דאָ פּאַלעסטיני" —
וואָס'ער אַלט און טרויריק לידל!
אָבער סטאַכו, ס'איז אַ ייד דאָ
מער נישט דאָס צעבראָכן יידל,
וועם' מען קאָן די באָרד און פאות רייסן
און אין קאַשע שפייען —
ווי איר פלעגט עס טאָן אַמאָל
ביי זיך אין פוילן־לאַנד, אין „פרייען".

זיי מיר מוחל, סטאַכו, וואָס כ'דערמאָן עס!
לאָמיר עס פאַרגעסן
און די הערצער זיך נישט עסן;
וואָס געוועזן איז געוועזן,
וואָס געוועזן איז אַריבער,
זיי זשע אונדז אַ גאַסט אַ ליבער,
אדרבא, אדרבא!
אפשר וועסטו איצט אין גלות
עפּעס לערנען אויף להבא —
אויפן טאָג, ווען יעדע שפּור

פון היטלערס שדים־טראַט וועט ווערן
אויסגעבערענט און אויסגערויכערט,
ווי נאָך אַ קאָשמאַר אַ שווערן;
און דיין היים וועט ווידער אויפשטיין
און דיך רופן, און דיך וועקן,
אין אַ פוילן, נישט ביי „פאַנעס",
נישט ביי שמיגליס און קאָץ־בעקן;
ס'וועט דיך רופן סטאַך, אַ פוילן
אַ באַפרייטס פון בלוט און טרערן,
און אַזאַ, וואָס וועט די אַרבעטער
און פויערים געהערן.

תל־אביב, 1943.

POLONIA CAPTA

האָט מיין פאָטערלאַנד געזונגען:
„נאָך איז פוילן נישט פאַרלוירן״,
און די זין זיינע — די וואָנסעס
שטייף פאַרדרייט זיך ביז די אוירן,
און די טעכטער, פוילנס טעכטער,
(זאָל דער גוטער יאָר זיי וויסן,
וואָס זיי האָבן די פאַרשאַרצטע
נעזלעך — העכער נאָך פאַריסן)
און געקוקט אויף זיך אַזוי, ווי
ס׳קוקט זיך אויפן עק אַ פּאַווע,
און — אַ פאָלק האָט אָפּגעשטויסן
מיט זיין שרייענדיקער גאווה:
נאַשאַ פּאָלסקאַ! מי, פּאָליאַצי!
ס׳פאָלק פון וואַזאַ און קאָשצירשקאָ,
פון באָלעסלאַוו און יאַגעלאָ,
פון מיצקעוויטש און מאָניושקאָ;
נאַשאַ ניעפּאָדלעגלאַ פּאָלסקאַ
מוז און וועט אַריבערוואַקסן
אויך דעם „מאָסקאַל״ איבער קיעוו,
און דעם „שוואָב״ מיט פרייסן, זאַקסן,
און נאָך ווערן אַ מאָצאַרסטוואָ
מיט אַ מלך און אַ מלכה
און — מיין פאָטערלאַנד, פאַרטרונקען
האָט דעם חלום מיט „גאָזשאַלקע״,
מיט דער נאַציאָנאַלער משקה,

וואָס עס טרינקט אין פרייד און טרויער
סיי דער „פאַן", דער „וויעלאָמאָזשני",
סיי דער בידנער כלאָפּ, דער פויער,
סיי די אַרבעטער, וואָס זענען
אי די פערד און אי די רעדער,
און געטרונקען האָבן אַלע,
נאָר געגעסן האָט נישט יעדער . . .

טרינקט מען ביז צום שיכור־ווערן —
הייבט מען ווילד די פיס ביים טאַנצן;
האָט מיין פאָטערלאַנד געהיטן,
אַז די שטיוול זאָלן גלאַנצן,
און די שפּאָרן זאָלן קלינגען,
אַ מאַזורקע, קראַקאָוויאַנקע,
און די ריטער, פּוילנס ריטער
זאָלן בליאַסקען, זאָלן בליאַנקען,
מיט די שטאָלערנע קאָרסעטן,
עפּאָלעטן, שווערדן, שפּאַדן —
אַן אַרמיי מיט אַלע „כלים"
נאָר צו פירן אויף פּאַראַדן . . .

טרינקט מען ביז צום שיכור־ווערן —
מוז זיך פונעם טרינקער שפּירן . . .
און אין נאַציאָנאַלן שיכרות —
קען אַ פאָלק דעם קאָפּ פאַרלירן,

און באַווייזן העלדישקייטן
דאַן־קישאָטישע מיט מילן,
אָדער, געבן מאַכט און כוח
נאָר דעם שוואַכערן צו פילן . . .
ווי עס האָט מיין היימלאַנד פוילן,
גדלותדיק און אומצופרידן
מיט די אַרבעטער און „פּרעמדע" —
אויסגעלאָזט דעם כעס צו יידן.

„יידן, יידן — די „באָלשעוויע",
„וואו אן אומגליק — זייער האַנט" ;
„זענען פיינט פון אונדזער אויפלעב",
„גראָבן אונטער אונדזער לאַנד".

„פּאָליאַק, דינער דו געטרייער
פון דיין פאָטערלאַנד, זיי וואַך !"
(הייבט אַ הונט וואו אָן צו בילן —
נעמען בילן היינט אַ סך . . .)

ס'איז דער הונט ווי ס'איז דער דינער
און דער דינער — ווי דער האַר ;
(ס'פאַלט נישט ווייט פון בוים דער עפּל)
קעגן ייד, איז יעדער — פּאַר . . .

האָט מען אויכעט אין אַ חגאָ —
מיט אַ יום־טובדיק געמיט,
נישט פאַרגעסן אויף „זאַבאַווע"
באָרד און פאות פון אַ ייד . . .

ווער נאָך שמועסט אין אַ צרה!
(ווען דער פּריץ איז אין כעס) —
האָבן יידן, אין מיין היימלאַנד,
נישט געוויזן זיך אין גאַס . . .

„נישט אַלע יידן, פלעגט דער פּאָליאַק זאָגן,
זענען שלעכט און שמוציק, ווי דאָס רוב איז"
(דאָס האָבן זיי געמיינט נאָר יענע „מאָשקעס",
וועלכע טאַנצן פאַר אַ גוי „מה־יפית",
און זוכן, צו געפעלן אין די אויגן
פונעם פּריץ), ווי פון פוילנס „שליאַכטע",
וואָס פלעגט אַ „זשידעק" געבן אַ פאַרדינסטל,
אָדער, אַ „מאַיאָנטעק" וואו אויף פּאַכטע.

בלינדע שנאה מאַכט נאָך בלינדער,
מאַכט נאָך טעמפּער ווי מען איז;
לאָזט מען זיך אויף רויב און פּלינדער
און אויף טרעטן מיט די פיס,
וואָס עס לאָזט זיך נישט באַרויבן
און אַוועקטראָגן אין זעק . . .

פליען שטיינער, בראַזגען שויבן
און — אויף יידן אַ געיעג;
אַ געיעג און אַ בהלה,
אַ פאַרהאַקן שטוב און קראָם;
פוילן ווייזט וואָס הייסט: ממשלה —
מיט אַ צאַרישן פּאָגראָם.

אין אַ בלינדער, טעמפּער שנאה
גייט פֿאַרלוירן דער זכרון;
און ס'האָט פּוילן גיך פֿאַרגעסן
הינטער זיך די גלות־יאָרן:
ווען זי איז ביים „מאָסקאָלס" קנאַפּל
אַ געבונדענע געלעגן,
און געחלומט פֿון באַפֿרייאונג
און געזוכט צו איר די וועגן,
און פֿאַרבונדן זיך מיט יידן,
ווי מיט ברידער מיט באַדריקטע,
וועלכע האָבן אויך געטראָגן
קייטן, און געווען פֿאַרשיקטע,
ווי בונטאָווטשיקעס, וואָס לאָזן
אין דער קאַשע זיך נישט שפּייען...
און געהאָלפֿן די פּאָליאַקן
פֿונעם „מאָסקאָל" זיך באַפֿרייען,
נאָר ס'האָט פּוילן שוין פֿאַרגעסן
און זי קען זיך נישט דערמאָנען —
בערקען, בערעק יאָסעלעוויטש
פֿון די יידישע לעגיאָנען.

פּוילן — אַ מלוכה, ווי דער שטייגער:
מיט אַ פּרעזידענט, מיט מיניסטאָרן,
גענעראַלן, אָפיצירן, דיפּלאָמאַטן,
און — עס קלינגען הויך מיט שווערד און שפּאָרן
וואודאָפּוילאַ, כאַמסקי און שוויניאַרסקי —
(אַדל, נאָך אין בלוט פֿון טאַטנס טאַטן)

אַ געזינדל, וואָס גע‏דאַרפט וואָלט כ׳לעבן —
זען די וועלט, די שיינע, הינטער קראַטן . . .

פוילן פראַוועט מלכות. מאַכט „פּאַזשאַנדעק"
און פאַרנעמט זיך ברייט און האַרב מיט . . . יידן
און „נענדזאַזשעס", וועלכע זענען קיינמאָל
מיטן גורל זיי׳רן נישט צופרידן,
און זיי גייען קעגן גאָט און מלכות,
ווייל עס ברענגט קיין אויסלייז און באַנייאונג,
אויסער תפיסהס, וואו צו קענען שפּינען
אומגעשטערט, דעם חלום פון באַפרייאונג.

נישט וויניק געווען געשמידטע
אין ניי־אויפגעשטאַנענעם פוילן,
וואָס האָט (פאַרן אויג) — אַ צעבליטע —
אין שורש געטראָגן דאָס פוילן,
ווייל ס׳זענען געווען אירע שמידער:
די „פּאַנעס", די פּריצישע קליקעס,
וואָס האָבן מיט שיכורע לידער
געטראָגן די פרייהייט אויף שטיקעס . . .

ס׳געשעען נישט שטענדיק קיין ניסים,
אַזוי ווי דער „נס ביי דער ווייסל",
און ס׳העלפט נישט אַמאָל קיין פּילסודסקי,
און אויך נישט דאָס בעסטע מין וואָפן —

אויב ס'שטייען ביים רודער אַ שמיגלי,
אַ בעק און נאָך אַנדערע „פייגל״,
וואָס זענען די ערשטע פון קאַמפּספעלד
אַזוי ווי די האָזן אַנטלאָפן,
און האָבן אויף הפקר געלאָזן
אַרמייען ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך,
געלאָזן פאַר וועלפישע ציינער
פון בלוט־ריינע אַרישע האָרדעס,
און האָבן דאָס פאָטערלאַנד זייערס
און ס'פאָלק, און אַליין זיך פאַראַטן —
מיט ראַטעווען קודם פון פייער,
די אייגענע הינטישע מאָרדעס.

האָט מיין פאָטערלאַנד געזונגען:
„נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן״
און די זין זיינע — די וואָנסעס
שטייף פאַרדרייט זיך ביז די אוירן,
און געחלומט פון „מאָצאַרסטוואָ״,
פון אַ מלך און אַ מלכּה,
און דעם חלום — ביז פאַרלירן זיך —
פאַרטרונקען מיט „גאָזשאַלקע״.

טרינקט מען ביז צום שיכור־ווערן —
מוז זיך פונעם טרינקער שפּירן,
און אין נאַציאָנאַלן שיכּרות —
מוז אַ פאָלק דעם קאָפּ פאַרלירן,
און זיין העלדישקייט און גבורה —
אויפן שוואַכן אויספּרובירן,
און אין טעמפּער גרויסקייט־מאַניע —
ס'לאַנד צום אונטערגאַנג דערפירן.

תל־אביב, 1944.

גע ט אָ ג ר אַ ד

כ׳בין אין געטאָ נישט געווען,
און נישט געפונען זיך אין ברען
פון אויפשטאַנד,
נאָר בדמיון — שטייט מיר פאַר די אויגן
ווי אין רויך געהילט,
אין רויך מיט שריפה־ליכט פאַרצויגן —
שטייט מיר פאַר די אויגן
ס׳בילד, דאָס גרויסע בילד
פון גבורה:
געטאָגראַד.

צווישן וויינענדיקע ווענט פון גראָע מוירן
מיט פאַרשפאַרטע גוט־באַוואַכטע טוירן —
פיבערדיק און אייליק איבערלויף
פון גאַס צו געסל און צו ליק,
פון הויז צו הויז און הויף —
אַן איבערלויף
פון מענטשן — שאָטנס,
לעבעדיקע מתים, וועלכע האָבן
נישט געלאָזט זיך לעבעדיק פאַרשיטן,
נישט געלאָזט זיך לעבעדיק באַגראָבן
און — אַרויס, ווי פון דער ערד אַרויס —
פאַרוואַקסענע, פאַרוואַרלאָזטע,
סקעלעטן בלויז —
אין זעק און שמאַטעס
ביז צום לייב צעשליסענע,
געחתמעטע מיט געלע לאַטעס,
ווי אויף שוואַרצע לייוונטן צעריסענע
אויף מאַסטן —
זענען זיי אַרויס די געטאָ־ברידער מיינע
קעגן טויט־פיינט דעם פאַרהאַסטן,
קעגן רוצחישן גערמאַנער,

וואָס באַוואָפנט ביז די ציין איז —
געטאָ־יידן — פּאַרטיזאַנער
מיט געציילטע ביקסן, קוילן,
מיט געציילטע האַנט־גראַנאַטן —
קעגן בראַנד־באָמבעס פון אויבן,
קעגן טאַנקן און האַרמאַטן
און — די שלאַכט אין פולן גאַנג איז:
שיסעריי פון פענצטער, דעכער,
און פון אַלע שפּאַלטן, לעכער —
אויפרייס, פייער, רויך און פלאַמען
איבער הייזער און געמעכער,
ס'רייסט דער שונא זיך און וואָרנט,
אַז מ'זאָל זיך אונטערגעבן,
נאָר מען ענטפערט אים מיט זאַלפן:
— טויט, פאַר אונדזער יעדנס לעבן!
— טויט אייך, מערדער און פאַרברעכער!
— בליי אין האַרץ אייך!
— בליי אין צורה אייך אין פינצטערער און פרעכער.
— נישט געטראָפן אויף קיין שאָף,
וואָס לאָזן זיך צו שחיטה פירן!
— טויט אייך.
ביי די ברענענדיקע שוועלן אונדזערע און טירן! —

האָבן העכער פון די שריפה־וואָלקנס
איבער בערג מיט ברוך פון קאַלך און ציגל —
אויפגעהויבן זיך מיט שטאָלץ די פענער, —
ווי פון פייער אָפגעזעגנטע פליגל,
און געפלאַטערט רויט און בלאָ־ווייס
אין די הענט מיט בלוט באַגאָסן,
הענט פון קעמפער, וועלכע האָבן
אומקומען אין קאַמף — באַשלאָסן,
און — זיי זענען אומגעקומען,
נאָר נאָך הייסע שלאַכטן, לאַנגע,
אומגעקומען — ווען די לעצטע קויל
איז יעדן אויסגעגאַנגען.

כ'בין אין געטאָ נישט געווען,
און נישט געפונען זיך אין ברען
פון אויפשטאַנד,
נאָר בדמיון — שטייט מיר פאַר די אויגן
ווי אין רויך געהילט,
אין רויך מיט שריפה־ליכט פאַרצויגן —
שטייט מיר פאַר די אויגן
ס'בילד, דאָס גרויסע בילד
פון גבורה:
געטאָגראַד.

תל־אביב, 1945.

נישטאָ!...

געענדיקט מיט מיין אַלטער היים, געענדיקט!
נישטאָ קיין בריק קיין אײנציקע, אויף צ׳ריק;
נישטאָ כמעט קיין שפור פון ייִדיש־וואַרשע —
די היים־שטאָט, וואו געשטאַנען איז מיין וויג.

געבליבן בלויז, דערציילט מען — ס׳בית־הקברות,
און אהל־פּרץ־דינעזאָן, איז גאַנץ,
נאָר, ס׳איז פון פּוילנס ייִדן־וואַלד נישטאָ מער
ווער ס׳זאָל צו יאָרצייט לייגן זיי אַ קראַנץ...

נישטאָ שוין מער קיין „שבת־יום־טובדיקע״,
און אויך נישט די פון וואָכנדיקן שפּאַן;
נישטאָ, נישטאָ קיין „עמך, שער און אייזן״,
און יאָסעלעך — נאָך ווייניקער פאַראַן.

נישטאָ שוין מיינע לייבלעכע און נאָנטע
מיט וועמען ס׳האָט מיך בלוט און פלייש געקניפּט;
נישטאָ שוין די, וואָס כ׳האָב באַקעמפט מיט אייפער,
און יענע, וועלכע כ׳האָב ווען הייס געליבט.

נישטאָ, נישטאָ שוין — דאָס איז דער סך־הכל,
דער אונטערשטער, דער לעצטער שוואַרצער שטריך;
וואו דורכגעגאַנגען איז די פּעסט די ברוינע —
דאָרט האָט זי אומקום, טויט, געלאָזט נאָך זיך.

און דאָרט, וואו אויף להכעס אַלע שונאים
געוואָרצלט אינדערפרעמד האָט און געבליט
אַ ייִדיש לעבן, וואָס האָט הויך געשלאָגן
און ווי אַ וואַלד — גערוישט, גערעשט מיט ייִד —

איז טויט, ווי אויף אַן ענדלאָז בית־הקברות
וואו גוט און הימיש פילט זיך נאָר די קראָ,
און — ס'שרייט פון יעדן שטיין, פון יעדן ברוך־שטיק:
נישטאָ שוין מער, נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ!

געענדיקט מיט מיין אַלטער היים, געענדיקט!
נישטאָ קיין בריק קיין איינציקע, אויף צ'ריק;
נישטאָ כמעט קיין שפור פון יידיש־וואַרשע —
די היים־שטאָט, וואו געשטאַנען איז מיין וויג.

תל־אביב, 1946.

מיין ברענענדיקער שטאָם

ווי זאָל איך דיך אַרומנעמען, מיין ברענענדיקער שטאָם —
אַז כ׳בין אַליין אין פייער און אין פלאַם
פון צער און צאָרן — פונקט ווי דו,
און וואָס עס טרעפט וואו דיך —
טרעפט אויכעט מיך:
דיין טרויער־זינגער, וואָס באַקלאָגט
די נעסטן דיינע,
וואָס אַ יעדער ווינט צעטראָגט.

ווי זאָל איך דיך אַרומנעמען, מיין ברענענדיקער שטאָם,
אויף וועמענס אַלט־צעצווייגטן קאָפּ —
עס לאָזן אַלע דונערס זיך אַראָפּ
מיט בליצן, ווי די שאַרפן,
און אויף וועמען יעדער שטורעם, גרייט איז
מיט דער גאַנצער ווילדקייט זיך צו וואַרפן,
ווי אַ רויב־חיה אויף דעם, וואָס שוצלאָז איז, און שוואַך
און — אויסצעוואָרצלען דיך פון אַלע טיפן,
און אַראָפּצוטראָגן דיך פון יעדער פלאַך,
אַראָפּטראָגן, ווי אַש מיט רויך פון פייער־פלאַם —
ווי זאָל איך דיך אַרומנעמען, מיין ברענענדיקער שטאָם!?

⁂

אויף די פעלדער פון מאַידאַנעק,
פון טרעבלינקע און אָשוויענטשים,
טראָגן ווינטן; זייען ווינטן
אַש פון קויל־פאַרברענטע מענטשן —
אַש פון מיינע ברידער, שוועסטער,
וואָס די האַקנקרייצלער האָבן
אויסגעסמט און אויסגעשאָסן,
און אויך לעבעדיק באַגראָבן.

ווינטן, ווינטן, וואָס וועט אויפגיין
פון אַ זריעה אָט אַזאַ מין?
פון אַ זריעה, וואָס געבליבן
בערג איז — פון גיהנום־פלאַמען;
וואָס וועט זיין פון איר צו שניידן?
בישט קיין ווייץ און בישט קיין קאָרן,
נאָר די פרוכט פאַר מענטשן־פרעסער:
פרוכט פון האַס, פון צער און צאָרן.

ווינטן וויסן גאָרנישט, גאָרנישט,
האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן;
ווינטן דאַרפן נאָר צעזייען,
ווינטן דאַרפן נאָר צעטראָגן
איבער אַלע וויסטע פעלדער —
אַש פון קויל־פאַרברענטע מענטשן,
ווי אַ זכר פון מאַידאַנעק,
פון טרעבלינקע און אָשוויענטשים.

דער וועג פון טויט

.1

אין דער געגנט פון טרעבלינקע,
וואו דער ווינט האָט אַש געזייט,
אַש פון מענטשן — צוגעקומען
איז אַ וועג: „דער וועג פון טויט",
וואָס איז נישט ווי אַלע וועגן
בלויז פון אַספּאַלטירטן שטיין,
נאָר פאַרקנאָטן אויך מיט מענטשן,
מענטשן־אַש און מענטש־געביין.

אָט דעם טויטן־וועג געפלאַסטערט
האָבן בלוטיק־ברוינע הענט,
וועלכע האָבן שטעט און דערפער
מיט די איינוואוינער פאַרברענט,
און אַ שטיין נישט גאַנץ געלאָזן
אונטער זייער יעדן טראָט,
וואָס פאַרלענדט האָט און געשענדט האָט
יעדע קדושה, יעדן גאָט. —

ליגט דער וועג איצט פאַר די אויגן —
ווען מען האַלט זיי אויך פאַרמאַכט ;
ס׳וואָלט דער טייוול נישט געוועזן זיך
צו אַ וועג אַזאַ דערטראַכט —
ווי עס האָבן זיך דערטראַכט עס
אָן צו האָבן אַ פאַרגלייך
מיט דער חיהשקייט און בלוט־דורשט —
די, פון דריטן מערדער־רייך.

.2

וועמענס פיס וועלן קענען דען טרעטן
און גיין אויף אַ וועג פון צעשאָטענע ביינער
און אַש פון פאַרקוילטע סקעלעטן
פון מענטשן;
און גיין מיטן וועג פון טרעבלינקע, אָשוויענטשים,
מאַידאַנעק און נאָך אַ סך לאַגערס פון טויט —
פון וואַנען דער ווינט האָט נאָר אַש פון פאַרברענטע,
אויף וויסטע אַרומיקע פעלדער געזייט.

וועמענס פיס אויף אַ וועג אַזאַ וועלן נישט בריען
אַזוי ווי אויף גליאיק צעשאָטענע קוילן;
און וועמ׳ אויף אים — וועט נישט דער וואַנזין באַפאַלן,
און וועמ׳ אויף אים — וועט זיך דאָס האַרץ נישט פאַרקנוילן,
נישט הערן דאָס בלוט פון מיליאָנען;
גייט מאָנען! גייט מאָנען, דערמאָנען
מיט שאַרפסטן כלי־זיין:
אַז בלוט איז נישט הפקר,
אַז, ס׳איז נישט לית־דין, ולית־דיין.

תל־אביב, 1945.

צו גאָט אין הימל

ווען כ׳וואָלט געווען געגלויבט אין גאָט אין הימל —
וואָלט איך היינט פון אים זיך אָפּגעקערט:
— גענוג דיר שוין געדינט
מיט תּפילות, דאַנק און לויב!
— געבוג מיטן אל־רחום ואל־חנון,
וואָס געווען איז בלינד און טויב,
און נישט געזען, און נישט געהערט,
ווי ס׳האָבן צו די שערי־רחמים
זיך געריסן פון גיהנומדיקער ערד —
אַ ים מיט הענט, מיט בעטנדיקע הענט,
אַ ים פון אויגן מיט תּחנונים און יללות —
פונעם יידן־וואַלד, וואָס האָט געברענט (און ברענט) —
אויף ברענענדיקער, פרעמדער ערד אין גלות. —

איז נישטאָ, נישטאָ קיין גאָט אין הימל,
וואָס פאַרנעמען זאָל געבעט און טרערן;
וואָס זאָל קענען אָפּרופן דעם גזר,
און זאָל אַליין פון גרויל און צער
פאַרציטערט ווערן,
און אַראָפּלאָזן זיין שטראָפנדיקע האַנט, אויף די,
וואָס האָבן ס׳מענטשלעכע — אין חיהשקייט פאַרלוירן,
און מיליאָנען פון זיין פאָלק, זיין אומבאַשיצט —
געפירט צום טויט, דורך זיבעציק גיהנום־טוירן;
זיי געפירט ביים ליכט פון טאָג,
און פאַר די פרעכע אויגן פון אַ וועלט,
וואָס האָט ווי גאָט — פאַרברעכעריש געשוויגן,
זיך געמאַכט נישט זעען און נישט הערן —
ווען פון טויט־פאַבריקן, האָבן קוימענס
וואָלקנס יידן־אַש, ווי קלעק געשפּיגן
איוף די הימלען, אויף דער זון, און אויף די שטערן.

תל־אביב, 1945.

ווען כ׳וואָלט . . .

ווען כ׳וואָלט טאַטע־מאַמען כאָטש ברענגען באַצייטנס אַהער
אין „לאַנד פון די אבות״, צו וועלכן זיי האָבן געשטרעבט —
וואָלט דאָס געוויסן מיך איצט נישט געפּלאָגט אַזוי שווער,
און זיי, טאַטע־מאַמע — זיי וואָלטן געווען נאָך געלעבט;

זיי האָבן נאָך יאָרן געהאַט, און נאָך לעבן געקענט —
ווען ס׳וואָלט נישט אויף זיי זיך געהויבן די רוצחישע האַנט
פון ברוינעם עמלק, וואָס האָט אין זיין דורכגאַנג פאַרלענדט
און חרוב געמאַכט ביזן גרונטשטיין — אַ לאַנד נאָך אַ לאַנד;

און האָט פאַר דעם קרבן, דעם ערשטן, גענומען — דעם ייד,
דעם אייביקן ייד, פאַר דער אייביק־טייוולאַנישער שפּיל
פון די, וועלכע האָבן אין גאַנג נאָכן בלוטיקסטן שניט —
ווי חיות צוויי־פיסיקע — נאָר דאָס פאַרציקונגס־געפיל;

און נישט קיין געפיל פאַר קיין רחמים אויף יונג און אויף אַלט,
וואָס זענען אין אומשולד — די טויבן די קלאָרע ווי שניי,
די פייגל, וואָס פליען נישט ווייט פון דער נעסט, ווען דער וואַלד
אַן אונטערגעצונדענער — ברענט, און פאַרברענט אויכעט זיי.

ווען כ׳וואָלט טאַטע־מאַמען כאָטש ברענגען באַצייטנס אַהער
אין „לאַנד פון די אבות״, צו וועלכן זיי האָבן געשטרעבט —
וואָלט דאָס געוויסן מיך איצט נישט געפּלאָגט אַזוי שווער,
און זיי, טאַטע־מאַמע — זיי וואָלטן געווען נאָך געלעבט.

פונוואַנען...

עס האָבן שוין די רוצחישע, די בלוטיק־ברוינע נאַצי־הענט,
אויף פוילנס ערד, אויף ליטעס ערד, אויף גאַנץ אייראָפּעס קאָנטינענט —
דעם שענסטן טייל פון יידן־וואַלד, שוין אויסגעהאַקט און אויסגעברענט.

פון וואַנען וועלן ציען זאַפט אַצינד
די אָפּגעהאַקטע וואָרצלען פון מיין שטאַם,
די וואָרצלען, די געשלאָגענע אין ווינט
אַריבער יעדן אָקעאַן און ים ?!

פונוואַנען וועט אין וואַלדס פונאַנדערפאַל,
דער שטאַם, דער אָפּגעברענטער ביז די קני —
איצט נעמען קראַפט, צו קענען זיין דער קוואַל
פון אויפלעב ; ווידערוואוקס און וויטערבלי —

אַז ס'האָבן שוין די רוצחישע, די בלוטיק־ברוינע נאַצי־הענט,
אויף פוילנס ערד, אויף ליטעס ערד, אויף גאַנץ אייראָפּעס קאָנטינענט —
דעם שענסטן טייל פון יידן־וואַלד, שוין אויסגעהאַקט און אויסגעברענט.

אין וואַלד פון מיין שטאַם

עס האַקן די רוצחים, די ברוינע, מיין יידישן וואַלד,
וואָס שטייט ביז די קני שוין, אין בלוט, און אין פייער און פלאַם;
אַ בוים נאָך אַ בוים האַלט נישט אויס, גיט זיך אונטער און פאַלט
און לאָזט נאָך זיך איבער אַ האַרטן, אַן אייביקן שטאַם.

אַ שטאַם, ווי אַ האַלדז אַ געקעפטן, פאַרגראָבן אין דר׳ערד,
אַ שטאַם, ווי מיט שטאָלענע נעגל פון פיס און פון הענט,
אַ שטאַם אָט אַזאַ, וועט נישט ווערן פאַרלענדט פון קיין שווערד
און וועט פון אַ וואַלד־שריפה קיינמאָל נישט ווערן פאַרברענט.

אַזאַ איז מיין יידישער שטאַם אין מיין יידישן וואַלד,
וואָס שטייט ווי אַ תבואה־פעלד אונטערן נאַצישן שניט;
אַ בוים נאָך אַ בוים האַלט נישט אויס, גיט זיך אונטער און פאַלט,
נאָר ס׳גיט זיך נישט אונטער און ס׳פאַלט נישט דער אייביקער ייד.

⁂

ס'איז אמת אַלץ, אמת — משוגע־צו־ווערן פון ווייטאָג און צער!
נאָר שוואַרץ איז דער דמיון — צו קענען באַנעמען די גרויס פונעם בראָך,
די גרויס פונעם חורבן און אומגליק, וואָס האָט ווי דער פינצטערער גזר
געטראָפן מיין שטאַם, מיין געפּרואווטן — אין שוואַרצן געזאָט און געקאָך.

ס'איז אמת אלץ, אמת — ס'האָט איבערגעשטיגן יאָר־טויזנטער צוויי
מיט באַרטאָלאָמיי־נעכט, מיט קרייץ־צוגן קעגן דעם „אייביקן ייד" —
דער נייער, דער ברוינער עמלק, וואָס האָט נאָך זיין שוואַרצן פאַרזוי
געמאַכט אין מיין שטאַם איצט, דעם גרעסטן, דעם טיפסטן
און בלוטיקסטן שניט.

*

אַז דערדריקן קען דער טרויער, נאָכן אומקומען פון א י י נ ע ם —
ווי קען איינער טראָגן טרויער נאָך געשאָכטענע מיליאָנען?!
ווי קען איינער האָבן טרערן, די מיליאָנען צו באַוויינען,
און צו האָבן כוח פאַר די אומגעקומענע צו מאָנען!

ס'אויג איז טרוקן ווי אַ מדבר, און דאָס האַרץ — אַ שטיין אַ שווערער,
שטום—דאָס מויל; די צונג—געליימט איז, און דאָס לשון—אָפּגענומען,
ווי עס וואָלט אין טיפן צער און וויי טאָג, נישט געבליבן מערער —
ווי צו בעטן — מיט די אומשולדיקע ברידער, אומצוקומען.

נאָר דער מוח, וועלכער הייבט זיך, קען צו איינס זיך נאָר דערטראַכטן:
וועך עס קען — דער זאָל אַוועקגיין אין דער הייליקער מלחמה,
די מלחמה, וועלכע לערנט, ווי צו האַסן און פאַראַכטן,
און צו נעמען אָן די ברוינע הינט, די בלוטיקסטע נקמה.

תל־אביב, 1945.

אין ברוינעם קאַשמאַר

ווייל כ׳ווער בייטאָג דערדריקט פון באַרג מיט טרויער
פון מיין ברוינעם פאַלקס־אומגליק געטראָפן —
לאָזט דאָס אומגליק מיך ביינאַכט נישט שלאָפן —
ליג איך, ווי איך וואָלט געווען אינגאַנצן א ו י ע ר.
האָרך און הער און — איך דערהער אַזוינס,
וואָס כ׳האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געהערט:
דערשטיקט געקרעכץ, דערשטיקט געוויין פון דר׳ערד,
געוויין פון לעבעדיק־פאַרשאָטענע, וואָס בעטן זיך:
באַפרייט אונדז! גראָבט אונדז אויף! נישט שווייגט! נישט רוט!
איך הער און איך דערקען אין ים פון קולות
אויך ס׳געוויין פון אייגן פלייש און בלוט;
און אַז מען הערט אַזוינס — דערזעט מען אויך
ווי ס׳וויגט די ערד זיך, וויגט זיך ווי אַ ים
און שפּייט פון צייט־צו־צייט וואו אויס וואולקאַניש,
שפּייט מיט אונטערערדיש פייער־פלאַם,
און מיטאַמאָל — דערזע איך ווי פון פייער
וואַקסט, וואַקסט אויס פאַר מיר מיין שטאַם,
מיין אַלטער שטאַם מיין יידישער, וואָס ברענט
און צינדט מיט זיינע צווייגן אָן די הימלען,
ווי מיט הויך־פאַריסן ברענענדיקע הענט
און — מיינע אויגן ווערן פול מיט שריפה,
און די אוירן — מיט געקלאַנג פון גלעקער,
וועלכע אַלאַרמירן, אָבער וועקן נישט —
די נאַכט איז טויב, ווי טויב עס איז דער שקר...

צו די אומגעקומענע פּאָעטן

ברידער מײנע, אומגעקומענע פּאָעטן,
זינג־פײגל געפאַלענע צוזאַמען מיט די בײמער,
וואָס דער הוראַגאַן דער ברוינער
האָט מיליאָנען מיטן שורש אויסגעפּליקט
און אויסגעריסן פונעם יידן־וואַלד.

פון וואָס וואָלט איר געזונגען, ברידער מײנע —
ווען געלעבט וואָלט איר נאָך איצטער,
און געקענט נאָך איצטער זינגען —
ווען איר זעט דעם טיפן שניט אין שטאַם,
וואָס שטײט איצט ביזן האַלדז אין אײגן בלוט . . .

פון וואָס וואָלט איר געזונגען, ברידער מײנע —
ווען איר זעט, ווי איך, דעם ברוך און בראָך,
די וויסטקײט פון די הײמען אונדזערע —
וואו חורבות ליגן איצט, ווי שוואַרצע וואָלקנס,
וואָלקנס טרערן — צוגעפאַלן צו דער ערד.

פון וואָס וואָלט איר געזונגען, ברידער —
ווען געווען וואָלט איר אבלים נאָך מיליאָנען,
און געדאַרפט זיך נאָך מיליאָנען קריעה־רײסן,
און ווי איך — צום ווערן אײנגעבראָכן —
טראָגן אויפן האַרץ אַ באַרג מיט טרויער.

וועגן וואָס וואָלט איר געזונגען —
ווען געלעבט וואָלט איר נאָך איצטער —
ברידער מײנע, אומגעקומענע פּאָעטן.

אין טרויער

ווי קען אויף אַ רגע אַרויס פון זכרון —
אַז מ'איז נאָך מיליאָנען אָן אָבל געוואָרן,
אָן אָבל נאָך שוועסטער און ברידער, וואָס האָבן
מיט אייגענע הענט זיך די קברים געגראָבן,
און איינער דעם צווייטן געמוזט אויך פאַרשיטן —
נאָך דעם, ווי עס האָט זיי ווי זאַנגען פאַרשניטן
די רוצחישע האַנט פונעם אַריער דעם „ריינעם",
וואָס שוינט אין זיין חיהשקייט גאָרנישט, און קיינעם.

ווי קען אויף אַ רגע אַרויס פון זכרון —
אַז מ'איז נאָך מיליאָנען אָן אָבל געוואָרן,
אָן אבל, וואָס טרייסט זיך מיט דעם, אַז: נישט איינער
האָט ס'לעבן פאַרטיידיקט מיט נעגל און ציינער,
באַשיצט עס, געהאַלטן עס פעסט ווי מיט צוואַנגען,
און נישט ווי די שאָף צו דער שחיטה — געגאַנגען
אויף קידוש־השם, פאַרן טויט פון מיליאָנען
וועם'ס בלוט ס'וועט נישט אויפהערן שרייען און מאָנען.

⁂

איך האָב דאָס געפיל, ווי כ׳וואָלט איינער געבליבן
נאָך מיינע געשאָכטענע ברידער און שוועסטער
וועמ׳ ס׳האָט צו דער שחיטה — אין געטאָס פאַרטריבן —
דער ברוינער עמלק, דער אכזר, דער גרעסטער;

דער אכזר, וואָס איז אין זיין חיהשקייט, ווידער
דעם פינצטערסטן, בלוטיקסטן עבר מחדש;
און כ׳האָב דאָס געפיל, ווי איך וואָלט מיט די לידער
פון חורבן — געזאָגט נאָך מיליאָנען איצט קדיש.

תל־אביב, 1945.

נקמה

וי ס׳דורשט די ברוינע שלאַנג די האַקנקרעציקע, נאָך בלוט
און נאָך אַרויסנעמען פון לעבן די נשמה —
דורשט איך, צום פאַרברענט־ווערן פון דורשטן — נאָך נקמה,
נאָך נקמה אָן די ברוינע
מענטשן־פרעסער, לעסטערער און שענדער,
וואָס פאַרוואַנדלט האָבן אין מדבריות —
בליענדיקע לענדער,
און דערטרונקען זיי אין בלוט, וואָס שרייט
און וועט נישט אויפהערן צו שרייען און צו מאָנען:
בלוט — פאַר בלוט, און טויט — פאַר טויט
פון אויסגעקוילעטע מיליאָנען. —

דורשט איך נאָך נקמה־נעמען,
ווי עס נעמט דער פּאַרטיזאַן,
ווי עס נעמט דער רויט־אַרמייער,
ווי עס נעמט אי פרוי, אי מאַן,
אי יונג און אַלט,
וואָס האָבן וואו אין פעלד, אין הייל און וואַלד
געשוואוירן ביי דאָס טייערסטע: ביים לעבן:
נישט צו לייגן דאָס געווער,
נישט אויפהערן די שאַרפע האַק צו שאַרפן,
נישט צו רוען און נישט לאָזן אויך צורו —
ווי לאַנג די שלאַנג די ברוינע וועט זיך וואַרפן.

•

פאַרשפּילט...

עס וואַרפט זיך נאָך, נאָר ס׳גוססט שוין די ברוינע שלאַנג,
און לענדער גרייטן שוין טריאומף־טוירן פון זיג;
נאָר, ווי אַזוי דאָס, וועלן פון די פראָנטן
צ׳ריקגיין מיט געזאַנג
און מיט מוזיק —
מיר יידן, וואָס פאַרשפּילט האָבן די קריג?...

פאַרשפּילט, פאַרשפּילט צו אונדזער טיפסטן וויי!
נאָר וואָס׳ער חידוש אַז מיר האָבן זי פאַרשפּילט,
אַז ס׳האָט דער פּיינט אויף קיינעם ווי אויף אונדז אַזוי
פון אומעטום געלויערט און געצילט,
געטראָפן טיף אין האַרץ פון אונדזער שטאַם:
דאָס צילברעט פאַר אַיעדע פייל און קויל —
ביי די, וואָס טראָגן יידן־האַס און סם
צום אויסברעכן מיט ווילדקייט און מיט גרויל.

און יידן־פּיינט פאַראַן איז אומעטום,
און ס׳פעלט נישט ווער דערלאַנגען זאָל אונדז קלעפּ;
די ברוינע הידרע נעמט אַ וועלט ארום,
אין אַלע לענדער שטעקן אירע קעפּ,
און קעפּ, וואָס טראָגן אויך צילינדער־היט
און ווייסע הענטשקעס אויף די אַדל־הענט,
וואָס טונקען זיך נישט אין אין בלוט פון י י ד ,
ווייל ס׳איז שוין דאָ ווער ס׳שעכט פאַר זיי און שענדט:

עס טוט דער „פירער" מיט די האַקנקרעץ
זיין יידן־מאָרד, מיט פולער זיכערקייט,
אַז ס׳איז נישטאָ אינערגעץ קיין געזעץ,
וואָס שיצט אַ יידיש לעבן קעגן טויט;
און הפקר, הפקר איז אין שדים־טאַנץ
דאָס בלוט דאָס יידישע, וואָס שיכור מאַכט, ווי ווייַן;
און הפקר — פאַר אַ וועלט, אַ יידיש פאָלק אַ גאַנץ,
וואָס האָט באַדאַרפט אַ פאָלק פון פאַרטיזאַנער זיין.

יאָ ס׳גוססט שוין די ברוינע שלאַנג,
און לענדער גרייטן שוין טריאומף־טוירן פון זיג;
נאָר, ווי אַזוי ידאָס, ווען פון די פראָנטן
צ׳ריקגיין מיט געזאַנג,
און מיט מוזיק —
מיר ידן, וואָס פאַרשפּילט האָבן די קריג!!

אין טאָג פון ז״ג

1.

די ברוינע שלאַנג — צעהאַקט איז.
ס׳דריטע מערדער־רייך — געפאַלן און צעבראָכן.
גרויס איז, גרויס, דער יום־טוב פון נצחון!
נאָר ביי מיר — נישט פול איז היינט די פרייד
און ס׳איז נישט גאַנץ ביי מיר דער יום־טוב פונעם פרידן;
יעדן אויפמאַרש פון די לעבעדיקע —
זע איך קעגן־גיין דעם טויט —
אין מאַרש פון זעקס מיליאָנען יידן;
זעקס מיליאָנען ברידער, שוועסטער מיינע
האָבן מיר די פרייד־וועגן פאַרשטעלט,
ווייל אויסגעשאָכטן און פאַרגאַזט, פאַרברענט זיי —
האָט מען אין די אויגן פון אַ וועלט,
וואָס האָט געמאַכט זיך שטום און טויב און בלינד
אַפילו, ווען אין שוחטס האַנט געצאַפּלט
האָט דאָס לעבן פון אַ קינד, אַ יידיש קינד.

די ברוינע שלאַנג — צעהאַקט איז.
ס׳דריטע מערדער־רייך — געפאַלן און צעבראָכן,
נאָר צווישן אַלע זיגער־פענער —
ווילט זיך מיר לכבוד דעם נצחון
אויפהענגען אַ טרויעריק־אָראַפּגעלאָזטע שוואַרצע פאָן,
פון וועלכער ס׳זאָל אַראָפּקלאָגן און אָנקלאָגן
די מוראדיקע ציפער: זעקס מיליאָן.

.2

נישט אונדזער זיג,
נישט אונדזער פרידן;
מיר האָבן אים פאַרשפּילט דעם קריג,
מיר יידן.

מיר האָבן אים פאַרשפּילט
און יעדן קריג פאַרשפּילן —
ווי לאַנג דאָס בלוט אונדזערס, וועט זיין
דאָס טרייב־וואַסער פאַר מילן,
וואָס מאָלן שוואַרצע קערנער
אויפגעגאַנגענע אין מוחות
און אין הערצער פינצטערע —
ביי אַלע שוואַרצע כוחות.

דער וועג פון וועלט־רויבער
אין גאַנג צום זיג —
איז אַלעמאָל דער וועג פון בלוט פון יידן;
ס'איז געווען אויך איצטער אונדזער קריג,
נאָר ס'איז נישט אונדזער זיג,
און ס'איז נישט אונדזער פרידן.

די אַריער-האַנט

די אַריער־האַנט, וואָס האָט מיליאָנענווייז
געקוילעט מיינע ברידער,
און געוואַלט מיט בלוט פון מיר אַראָפּווישן
דעם נאָמען ייד, —
די אַריער־האַנט, געלאָזט האָט ס׳מעסער
שטעקן אין מיין האַרץ,
און אין מיין יעדן איצט־געזונגען ליד.

ווער ווייסט, ווער ווייסט
צי כ׳וועל נאָך קענען זינגען ווען געזונט —
אַז כ׳בין אַ נישט דערקוילעטער,
אַז כ׳טראָג אַזאַ נישט היילבאַר טיפע וואונד,
וואָס בלוטיקט, בלוטיקט אויס מיין צער און וויי —
ווייל כ׳זע נישט יענע שטראָפנדיקע האַנט פאַר זיי —
דאָס מערדער־פאָלק פון בעטהאָווען און געטען,
ס׳פאָלק, וואָס האָט מיט „גאָט מיט אונדז" —
געברענט, געשענדט,
אויף גאָט און מענטש געטרעטן,
און געלאָזט אויף דורות לאַנג —
דעם סמאַל פון אַש פון מענטשן,
און אַזעלכע גרויל און פּחד־נעמען
ווי : מאַידאַנעק, ווי : טרעבלינקע און אַשוויענטשים.

תל־אביב, 1945.

ווי גייט מען אַריבער...

ווי גייט מען אַריבער, ווי קען מען אַריבער
פון נאַכט, פון קאַשמאַר־נאַכט — צו טאָג, צו אַ העלן —
אַז, ס'ברענען נאָך יידישע חרובע שטיבן,
אַז, ס'ווערן געיאָגט נאָך פון טירן און שוועלן —
די יידן די לעצטע, וואָס זענען געבליבן,
(אַז, אָך און אַז ווי, צו אַ בלייבן נאָך לעבן!) —
אַז ס'האַלט איבער זיי נאָך דער טויט אין איין שוועבן.

ווי גייט מען אַריבער, ווי קען מען אַריבער
די יידישע טייכן פון בלוט, און די גריבער
די טיפע און לאַנגע, די קברים וואו ס'ליגן
מיליאָנען פון וועלכע געפלעגט האָט זיך וויגן
די ערד — ווייל די רוצחים פון מערדער־רייך, האָבן
נישט איינעם, אויך לעבעדיק, האַלב־טויט באַגראָבן.

ווי גייט מען אַריבער, ווי קען מער אַריבער,
ווי הויבט מען אויפסניי אָן דאָס לעבן פון פרידן,
אויפסניי אָן מיט פרידלעך אידילישע לידער —
אַז ס'בלוט פון מיליאָנען געשאָכטענע יידן,
אַז ס'בלוט פון געשאָכטענע שוועסטער און ברידער
איז פריש נאָך, אַז ס'וועקט פונעם שלאָף, ווי ס'וואָלט שרייען:
— וואָס שלאָפט איר?! איז טאַקע לית־דין ולית־דיין?!

תל־אביב, 1946.

אין אַ וועלט ווי אין אַ דזשונגל

לעבט מען אין אַ וועלט ווי אין אַ דזשונגל
וואו עס דראָט פאַרציקונג און פאַרצערונג —
מוז מען אָנגעגורט־זיין ביז די ציינער —
אויף צו שיצן זיך און זיך צו ווערן.

מוז מען האָבן אוירן אויף צו הערן
נישט נאָר ווייטע אָפּקלאַנגען פון קלאַנגען,
נאָר, דעם שאָרוו און שאָרך פון בלאַט און גרעזל,
ווען ס'באַרירן זיי ביים פויזשען — שלאַנגען.

מוז מען האָבן אויגן, וואָס דערזעען
די פאַרבאָרגנסטע, געהיימסטע שפּאַלטן
פון באַהעלטענישן וואו פאַרטייעט
לויערט די סכנה אויסבאַהאַלטן.

לעבט מען אין אַ וועלט ווי אין אַ דזשונגל,
מוז אַ מענטש אַמאָל נישט מענטשלעך האַנדלען,
מוז אַ מענטש אַמאָל צווישן חיות —
אין אַ חיה זיך אַליין פאַרוואַנדלען.

תל־אביב, 1946.

א י נ ה אַ ל ט :

מען זוכט פאַר מיר אַ תכלית (אָנשטאָט אַן הקדמה) — — — 5

רויט אויף שוואַרץ

פון דער מאַמען — — — 13
אַרבעטער — — — 14
אַרבעטסלאַזע — — — 15
אַרבעטער־קוואַרטאַלן — — — 16
פאַבריקן — — — 17
הונגער אין שטאָט — — — 18
געוויין פון אָרעמע פרויען — — — 19
געוויין פון הונגעריקע קינדער — — — 21
ערגעץ זינגען . . — — — 22
פון גלייכגעוויכט — — — 23
ליד פון געראַכטע — — — 24
ליד פון פּיאָנערן — — — 25
מיר פאַדערן! . . . — — — 26
שוואַרצע — — — 27
רויט אויף שוואַרץ — — — 29
רויטע אָדלער — — — 30
לאָמיר מקריב זיין . . . — — — 31
פון גליל ביז קרים . . . — — — 32
ווי . . . — — — 33
כ'האָב ברידער . . . — — — 34
לכבוד ערשטן מאַי — — — 35
אַ טאָג — אַ שלאַכט — — — 36
ליד — — — 37
אין דער אמתן — — — 38
ליד פון נאַקעטן וואָרט — — — 39
מיין שטערן — — — 40
נישט לשמה — — — 41

פאַר מיר און פאַר אַלע

אין די גערטנער פון זאַנגלעמביע — — — 45
קעניגס־הוטע — — — 46
ליד פון דינסטמיידלעך — — — 47
ליד פון גאַס — — — 48
פון שטוב אין גאַס — — — 49
רויטע קולים — — — 50
מיר האָבן נאָך — — — 52
ליד פון מענטשלעכן וואָרט — — — 53
אַמאָל און היינט — — — 54
נישט אין שפּאַן — — — 55
אויף גאַטס באַראַט — — — 56
די לעצטע — — — 57
איינער פון די לעצטע — — — 58
אויפגעהויבן — — — 59
נישט ביי זיך . . . — — — 60
ליד פון שטורעם — — — 61
פון טאָג אין נאַכט — — — 63
שרייב איך נישט — — — 64
פון זיך אַליין — — — 65
מיין ליד פון היינט — — — 66
אַ דיכטער — אַ שמיד — — — 67
באַשערט . . . — — — 68
מיין פאַטערלאַנד — — — 69
ליד פון באַעוולטע — — — 70
עס זינגט זיך נישט — — — 71
צו די פּאָעטן פון נויט — — — 72
אין רויטן מאַרש — — — 73
נישט כדאַי — — — 74
אין טאָג פון משפּט — — — 75
צום טויט פון אַנרי באַרביס — — — 76
מיט וואָרט און קלאַנג — — — 77
רויט — — — 78
צו די לבנה־זינגער — — — 79
פּאַטריאַ — — — 80
פּאַסאַזשירן פערטע קלאַס — — — 81
פון סעווילִיע ביז גראַנאַדע — — — 82
דער וואָלונטיר — — — 83
ליד צו מאַדריד — — — 84
גערניקאַ — — — 85
מאַדרעסיטאַ — — — 86
קלאַשאַרן — — — 87
אַ ליד — אַ שטיין — — — 90
פּאַריזער הינט — — — 91
אויף אַ הינטיש בית־הקברות — — — 92
מיין אָדע צו פּאַריז — — — 94
אַ געזעגענונג — — — 96
די גאַס — מיין היים — — — 97
צו די, וואָס זינגען פאַר די קומענדיקע
דורות — — — 98
מיין לעצטער וואונטש — — — 100

היימווי

מיין משפּחה — — — 103
אונדזער הויז — — — 104
מיין היים, מיין נעסט — — — 105
דערפאַר, ווייל . . . — — — 106
אין מיין היים — — — 107
פון טאַטנס בריוו — — — 108
נישט דערקענט — — — 109
קען זיין . . . — — — 110
פונדערהיים — — — 112
מיין צייט . . . — — — 113
דער קוואַל פון מיין אומעט — — — 114
דער טאַטע, דער חובב־ציון — — — 115
ביים טאַטנס טיש — — — 117
פון יענער נאַכט — — — 118
טאַטע־מאַמעס צער — — — 119

דער טאטע ווײנט — 121
כ׳קען שוין נישט — 122
דעם טאטנס שלאף — 123
דער מאמענס שלאף — 124
צו טאטע־מאמע — 125
א היים אזא . . . — 127
היים דער מאמען ווארטן . . . — 128
דער מאמענס זארג — 129
היימפרעמד — 130
היים — 133
פונדערפרעמד — 134
אז כ׳ליין אמאל . . . — 135
אין מען פרעמד . . . — 136
איך בענק נישט אהיים — 137
ס׳איז אומעטום גוט — 138
אויפן ווינט — 139
א היים ווי א העמד . . . — 140
יעדע היים — 141
פון גאר דער וועלט — 142
א מענטש אין א היים — 143
טויזנט מאל דאס זעלבע ליד — 144
היימוויי — 146

אונטער שווארצע הימלען

ציען וואלקנס . . . — 149
עס שמעקט מיט פולווער — 150
ליד פון דער צייט — 151
דייטשלאנד — 152
אמאל . . . — 153
וואלקנס — 154
עס שרעקט . . . — 155
מענטשן — שאף — 156
צו מיין ברודער: גארילע — 158
פארלוירן — 159
כ׳בין דא! . . . — 160
פיס . . . — 161
כ׳וואלט . . . — 162
כ׳בין פול . . . — 163
רו — 164
מיין שטים . . . — 165
לעצטנס . . . — 166
זינג . . . — 167
פאר שווארצע רוחות — 168
שדים אויף מיין לירע . . . — 169
ווי קען מען . . . — 170
אין כאר פון זעלנעריש געזאנג — 171
שלעפט מיך איין — 172
ווי לאנג — 173
צומארגנס, נאכן קריג — 174
אויף די שלאכט־פעלדער — 175
ס׳איז נאכנישט אזוי . . . — 176
ווי שטארק . . . — 177
פאר יעדן שפאן ערד — 178
מיט די רויטע — 179
ליד פון רויט־ארמייער — 180
העלדן — 182
דער שטילער דאן — 184
ווער ס׳קעמפט . . . — 185
רויטע פארטיזאנער — 186
אז נישט מיינע ברידער — 187
אויפן רוף פון דער שעה — 188
וואלט איך אנשטאט א פען . . . — 189
דער ברוינער חזיר, אין רויטן לאנד
פון ווייסן בער — 190

מיין ברענענדיקער שטאם

א גרוס פון פוילן — 195
מיין היים — 196
צו פוילן — 197
אין פייער פון שנאה . . . — 202
יעדער גרוס . . . — 203
טאטע־מאמע מיינע . . . — 204
פוילן . . . — 205
פוילן — מיין געוועזן פאטערלאנד! — 206
האט קיין חיל . . . — 207
כ׳האב אוועקגעשיקט א בריוו . . . — 208
עס זאגט מיר ס׳הארץ . . . — 209
וואו איז די מאמע אהינגעקומען . . . — 210
אז דער ברוינער נאצי־שטורעם . . . — 211
פוילן, פוילן, חרוב היימלאנד . . . — 212
אונטער די פוילישע ביימעלעך — 213
דעם טאטנס טויט — 214
די מאמע אן הילף — 215
מיין חרובע היים — 217
מיין געבורטסלאנד — 219
ווארשע אן יידן — 221
א שלעכטער טאטע . . . — 222
אין פייער פון שנאה — 223
צו מיין לאנדסמאן סטאר — 224
פאלאניא קאפטא — 226
געטאגראד — 233
נישטא! . . . — 236
מיין ברענענדיקער שטאם — 238
אויף די פעלדער פון מאידאנעק . . . — 239
דער וועג פון טויט — 240
צו גאט אין הימל — 242
ווען כ׳וואלט . . . — 243
פונוואנען . . . — 244
אין וואלד פון מיין שטאם — 245
ס׳איז אמת . . . — 246
אז דערדריקן קען דער טרויער . . . — 247
אין ברוינעם קאשמאר — 248
צו די אומגעקומענע פאעטן — 249
אין טרויער — 250
איך האב דאס געפיל . . . — 251
נקמה — 252
פארשפילט . . . — 253
אין טאג פון זיג — 255
די אריער־האנט — 257
ווי גייט מען אריבער . . . — 258
אין א וועלט ווי אין א דזשונגל — 259

פון זעלבן מחבר ביז איצט דערשינען:

אין זוניקן לאַנד — וואַרשע 1927
רויט אויף שוואַרץ — וואַרשע 1929
גאָלדענע זאַמדן — וואַרשע 1932
סערגיי יעסענין (פון רוסיש) — וואַרשע 1933
מיט לענדער גלייך — תל־אביב 1934
די 24סטע שעה — תל־אביב 1935
פאַר מיר און פאַר אַלע — תל־אביב 1936
אָנוואוקס — תל־אביב 1938
אונטער פייער — תל־אביב 1939
מן הטנא (פון יידיש) — תל־אביב 1942
פון רויטן פראָנט — תל־אביב 1943
אונטער שוואַרצע הימלען — תל־אביב 1944
מיין ברענענדיקער שטאָם — תל־אביב 1945
פון ערשטן שניט — תל־אביב 6־1945
היימווייי — תל־אביב 1946